STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03189

YIDISH IN ERTS-ISROEL

League for Rights of Yiddish in Palestine

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידיש אין ארץ־ישראל

רעדעס • פאַקטן • דאָקומענטן

פונעם פאָלקס־משפט איבער
די קעגנער און פאַרפאָלגער פון
יידיש אין ארץ־ישראל, אָפּגע־
האַלטן זונטיק, דעם ערשטן
מערץ, אין אורווינג פלאַזאַ
ניו־יאָרק, 1936

אַרויסגעגעבן פון

ליגע פאַר רעכט פון יידיש אין ארץ־ישראל

219 צווייטע עוועניו, ניו־יאָרק

אַסטאָריאַ פּרעס, 61 איסט 4טע סטריט
ניו־יאָרק, נ. י.

אַ ר י י נ פ י ר

דער ענין יידיש אין ארץ־ישראל איז אין תוך אַ פּיל־ברייטער פּראָבלעם אין אונדזער לעבן, ווי שפּראַך אַליין. שפּראַך פאַר זיך אַליין איז אַ גרויסער יש, אָבער נאָר דערפאַר וואָס זי פאַרקערפּערט אין זיך פון איין זייט פאָלק און פון דער צווייטער זייט דעם שאַפנדיקן, קינסטלערישן יחיד. דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער וועלט גייט דורך ווי אַ רויטער שנור דער קאַמף פ אַ ר און ק ע ג ן שפּראַך. פון איין זייט האָבן זיגערישע פעלקער שטענדיק געזוכט אויסצואוואָרצלען פונצווישן די באַזיגטע פעלקער זייער שפּראַך און דורכדעם אויך פאַרטיליקן זייער קולטור און זייער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט. פון דער אַנדערער זייט האָבן באַזיגטע פעלקער זיך מקריב געווען פאַר זייער שפּראַך, ווייל זיי האָבן אין איר געזען דעם איינציקן צובונד צו זייער פריי־זיין.

קאַמף אַרום שפּראַך איז אויך געגאַנגען אַף אַן אַנדער ליניע: צווישן פאָלק און די העכערע, די באַדריקערישע שיכטן אין פאָלק אַליין. די העכערע קלאַסן האָבן זיך אויסגעקליבן אַן אינטעליגענטע שפּראַך, אַ קלאַסישע, וואָס איז דעם פאָלק נישט געווען צוגענגלעך, און אין איר האָבן זיי אַנטוויקלט די קולטור. דאָס פאָלק האָבן זיי געהאַלטן אין פינצטערניש, זייער שפּראַך האָבן זיי פאַראַכט און דערמיט אַליין האָבן זיי שוין אויך פאַראַכט דעם מענטשן אינעם פאָלק.

שפּראַך האָט אין זיך געהאַט באַדריקערישע און באַפרייערישע מאָמענטן. דאָס אָנערקענען פראַנצויזיש ווי אַ קולטור־שפּראַך האָט אין זיך געטראָגן אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע אידייע און האָט אויפגעהויבן דעם מעמד פונעם פּשוט׳ן פאָלק. ענלעכע שפּראַך־רעוואָלוציעס זענען פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד, איטאַליע, אַפילו רוסלאַנד, וואו די אינטעליגענץ האָט הונדערטער יאָרן אַרונטערגעקוקט אַף דער אייגענער שפּראַך און האָט זיך באַנוצט בלויז מיט פראַנצויזיש.

אַז מיר נעמען יידיש אין דער היסטאָרישער פערספּעקטיוו, האָבן מיר אויך די אייגענע רעוואָלוציע, וואָס מיר אַליין האָבן דורכגעמאַכט. נישט דאָ איז דאָס פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן באריכות אַף דער היסטאָרישער זייט פון יידיש. מיר ווילן נאָר אָנצייכענען דעם גאַנג, וואָס איז אַזוי ענלעך צום גאַנג פון אַלע פאָלקשפּראַכן: פאַראַכטונג פון העכערע קלאַסן, פון אנשי־רוח, ברייטע פאָלקסמאַסן, וואָס קלאַמערן זיך אין זייער שפּראַך און מיט דעם אַליין קעמפן זיי אויס קולטור און דערהייבונג פאַר זיך, און, —

נאָר דאָ נעמט ביי אונדז די געשיכטע אַן אַנדער ווענדונג. בעת ביי אנדערע פעלקער האָט די פאָלקשפּראַך נישט בלויז געקראָגן בירגער־רעכט, נאָר זי איז געוואָרן אַזוי אַריינגעוואָקסן אין דער פסי-

כיק פון די ברייטע מאַסן און פון דער אינטעליגענץ, אַז קיין שפּראַך־צעטיילונג צווישן קלאַס און קלאַס איז שוין נישטאָ, האָט ביי אונדז ווידער אויפגעלעבט דער באַגער איינצופירן אַט־די צעטיילונג. פּונקט ווי אין מיטלאַלטער צו פראַנצויזיש, אָדער איטאַליעניש, אַזוי האָבן מיר איצט ביטול צו יידיש. און פּונקט ווי דאָרטן איז דער ביטול געקומען פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט געוואָלט האָבן פאַר זיך אַן עקסקלוזיווע, אַן „אינטעליגענטע" שפּראַך, אַזוי קומט זי אויך ביי אונדז פון דער אינטעליגענץ, — האַלבער, אָדער פערטלדיקער, — וואָס כאָטש זי רעדט פון „תחית האומה", האָט זי אָבער אין תוך נישט קיין ליבע פאַרן לעבעדיקן פאָלק, נאָר פאַר עפּעס אַן אַבסטראַקט פאָלק, אַן אויסגעטראַכטס, אַ כולו־תכלת'דיקס.

אין דער ארץ־ישׂראל'דיקער ווירקלעכקייט האָט זיך געשאַפן די דאָזיקע קינסטלעכע צעטיילונג צווישן די ברייטע פאָלקסמאַסן און די העכערע קלאַסן, מעגן זיי אפילו זיין די פירער פון אָרעמע, אידעאַליסטישע אַרבעטער. נאָך שאַרפער איז דער שניט צווישן ארץ־ישׂראל און די יידישע קיבוצים איבער דער וועלט. דער העבּרעאיזם אין ארץ־ישׂראל, וואָס האָט אַרויפגעלייגט דעם בלוטיקן חרם אויף יידיש, גייט ווייטער ווי בלויז שפּראַך, — ער האָט אַרויפגעלייגט אַ בלוטיקן חרם אויף פאָלק.

מיר גלייבן, אַז אין די עטלעכע ווערטער האָבן מיר וואָרן אַפן פאָלקס־משפּט איבער די פאַרפאָלגער פון יידיש אין ארץ־ישׂראל. דער משפּט איז פאָרגעקומען דעם ערשטן מערץ, 1936, אין ניו־יאָרק. איבער טויזנט מענטשן זענען צום משפּט געקומען און די רעדעס, וואָס מיר ברענגען דאָ, האָבן די טויזנט מענטשן אויסגעהערט און אויפגענומען מיט טיפן ערנסט, אפילו צער. די רעזאָלוציע, וואָס די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען, דרוקן מיר אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין בוך.

די ליגע פאַר רעכט פון יידיש אין ארץ־ישׂראל האָט דעם משפּט איינגעאָרדנט און איצט גיט די ליגע אַרויס דאָס בוך, ווייל די מאַטעריאַלן און די געדאַנקען, וואָס זענען דאָרטן אַרויסגעבראַכט געוואָרן, זענען פון דויערנדיקן ווערט און דאַרפן דערגרייכן טויזנטער יידישע מענטשן, וואָס זענען ביים משפּט נישט געווען.

ביים אַרויסגעבן דאָס בוך האָבן מיר זיך נישט געהאַלטן שטרענג ביי דער פאָרם ווי דער משפּט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. דער פאָרזיצער, — ה. לייוויק, און דער אָנקלאָגער, — זרובבל, האָבן גערעדט צו צוויי מאָל, אָבער מיר האָבן קאָמבינירט די רעדעס אין איינע. דר. א. קאָראַלניק און א. וואָלינער האָבן נישט גערעדט, ווייל זיי האָבן נישט געקענט זיין ביים משפּט, אָבער זיי האָבן צוגעשיקט זייערע רעדעס געשריבן און מיר נעמען זיי אַריין אין בוך.

ליגע פאַר רעכט פון יידיש אין ארץ־ישׂראל

ה. לייוויק

מיר האָבן אַ חלק אין ארץ ישראל

מיר זענען ניט פאַראינטערעסירט צו שפּילן זיך אין משפּטים. ס'איז פאַר אונדז ניט קיין צייטפאַרטרייב, און אויך ניט קיין פּאַרטיי זאַך. ס'איז אַ טראַגישער ענין, וואָס רירט אָן דעם יידישן שרייבער און דעם יידישן מענטש. ווען מען וואָלט מיר געזאָגט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אַז איך וועל, ווען ניט איז, דאַרפן שטיין אויף אַ פּלאַטפאָרמע, און אויסדריקן פּראָטעסט קעגן רדיפות אַף יידיש אין אַ יידיש לאַנד, קעגן עולות, וואָס ווערן פון יידישע מענטשן באַגאַנגען קעגן דער גאַנצער פאָלקס קולטור אַף יידיש, — קעגן דער פאָלקס קולטור אונדזערער, וואָס ווערט געשאַפן מיט אַזויפיל מי און מסירת נפש איבער דער גרויסער צוזייטקייט און צו־שפּרייטקייט אונדזערער, — ווען מען זאָגט מיר אַזוינס מיט צוואַנציק יאָר צוריק, וואָלט איך זיך דאָס ניט געקענט אפילו פאָרשטעלן.

אַזא הערלעכע אידייע האָט דאָך ארומגעכאַפּט אַלעמען, און מער פון אַלעמען — דעם יידישן אינטעליגענט. די גרויסע וואונדערלעכע אידייע צוזאַמענצוגיסן זיך מיטן לעבן פון די אונטערדריקטע, מיטן לעבן פון פּשוט'ן פאָלק אונדזערן, מיט זיין יידיש לשון און מיט דער קונסט, וואָס ליגט אין די טיפעניש פון פאָלק, אין די טיפעניש פון יידיש. אָפּזאָגן זיך פון אינטעליגענטישן סנאָביזם, פון דער שפּראַכן־גאווה און בטול צום מאַסע מענטש און פאָלקס קולטור.

ווער האָט זיך געקענט אַמאָל פאָרשטעלן אַזא היסטאָרישן אומזין, אַז גראָד אין ארץ־ישראל, ביים אויפקום פון אַ יידישן מאַסן לעבן, זאָל ארויפגעלייגט ווערן אַ חרם אַף דער יידישער שפּראַך, אַז אפילו די הסתדרות זאָל אונטערשטיצן דעם חרם?! ווער האָט זיך געקענט פאָר־שטעלן, אַז דאָרטן זאָל אויסוואַקסן אַ דור, וואָס זאָל אונדז ניט קענען און ניט וועלן קענען?! ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן אַזא אומזין, אַז איצטער, ווען עס רייסן זיך גרויסע יידישע מאַסן נאָך ארץ־ישראל, זאָל מען ביים קריגן אַ סערטיפיקאַט דאַרפן אָפּגעבן עקזאַמען אויף העברעאיש?! מיט יידיש אַליין קען מען ניט אריין אין לאַנד!

איך שטעל מיר פאָר ווי עס זעט אויס, און ווי עס פילט אין ארץ־ישראל דער פאָלקס מענטש, וואָס קען קיין העברעאיש ניט, אַף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אָדער אַף פאַרזאַמלונגען פון זיין יוניאָן. — עס דערמאָנען זיך מיר אַמאָליקע יאָרן דאָ אין לאַנד, ווי די יידישע איינגעוואַנדערטע, גע־

וואָרענע ארבעטער דאָ, פלעגן זיצן ווי שטומע שעפּסן אַף די מיטינגען פון זייערע יוניאָנס, און ניט געקענט אפילו אַ פשוט׳ע פראַגע פרעגן, ווייל די מאַכערס פון די יוניאָנס, — די פירנדיקע קליקע, — פלעג אַלץ דורכפירן אַף ענגליש.

דאָס בילד פון זייער שטומקייט שטייט נאָך איצט פאַר מיינע אויגן. אַ בילד אַ מאָוימדיקס.

מען וואָלט דאָמאָלסט אויך געקענט זאָגן, ווי עס זאָגן איצט די פירער פון ארץ־ישראל, אַז — אָט זעט איר דאָך אַליין, אַז מען דאַרף קיין יידיש ניט, ווייל אָט זעט איר דאָך אַליין, ווי די מאַסע זיצט און שווייגט, און פאָדערט ניט קיין יידיש. — — —

די דאָזיקע מאַסע האָט טאַקע ניט געפאָדערט, ווייל זי איז געווען דער־שלאָגן און צוטומלט און פארשעמט אין איר שטומקייט; אָבער געזעסן איז זי אין איר שטומקייט און מיט די ליפּן געטאַרלט, בייז געטיידלט די, וואָס באַנוצן זיך מיט איר שטומקייט, און פראַווען נאָך פירערשאַפט אַפן חשבון פון איר שטומקייט.

מיר זענען ניט פאַראינטערעסירט, זאָג איך ווידער, צו משפט׳ן, צו זעצן וועמען ניט איז אַף דער באַשולדיקונגס באַנק. מיר משפט׳ן ניט העב־רעאיש, ווייל מיר זענען ניט קיין געגנער פון העברעאיש. מיר גייען היינט ניט פירן קיין שפּראַכן קריג, נאָר מיר קומען היינט מאָנען און פאָדערן אַכטונג צו יידיש און צו דער גרויסער יידישער קולטור אַף יידיש. — מאָנען אַכטונג — ביי וועמען? — ווערן דען ניט אָנגעצונדן אונדזערע פּנים׳ער פאַר בושה ווען מיר גיבן אַ טראַכט: ביי וועמען מאָנען מיר עס אַכטונג צו יידיש? ביי וועמען? — — —

וואו זענען די, ביי וועמען מיר מאָנען? פאַרוואָס זענען זיי ניט גע־קומען היינט אַהער צו דערקלערן זייער שטעלונג? מען האָט געלאַדן די פאָרשטייער פון די פועלי ציון — פאַרוואָס זענען זיי ניט געקומען?

אין „הדואר" איז געווען אַ באַמערקונג, אַז מיר זאָלן זיך ניט מישן אין די עניינים פון ארץ־ישראל, אַז מיר האָבן קיין רעכט ניט דאַרויף, — ס׳איז ניט אונדזערס, הייסט עס. — נאָר זיי, די יידן פון „הדואר", נאָר זיי האָבן דאָס רעכט אַף ארץ־ישראל! — מיט וואָס האָבן זיי עס מער רעכט פאַר אונדז? מיט וואָס? — ניטאָ אַזאַ זאַך ווי ניט האָבן קיין רעכט צו אריינמישן זיך און פראָטעסטירן קעגן עולות און דיסקרימינאַ־ציעס — וואו די דיסקרימינאַציעס זאָלן ניט פאָרקומען.

דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, האָבן מיר אַ חלק אין ארץ־ישראל, ווייל אומעטום וואו יידן לעבן, וואו יידן בויען אַ ניי לעבן, זענען מיר מיט־בויער; — ווייל ס׳איז אונדזער פאָלקס לעבן איבער גאָרער וועלט; און ארץ־ישראל איז דערווייל נאָך אויף דער ערד, און ניט אויפן הימל; ארץ־ישראל איז נאָך דערווייל אַ טייל פון דער וועלט, און ניט פון וואָלקנס.

די וואָס זאָגן: — „מישט זיך ניט" מאַכן זיי מיט דעם אַליין פון

ארץ־ישראל עפּעס אַ ווינקעלע, אַן איזאָלירט, אַ פרעמדס. זיי טוען געוויס קיין טובה ניט מיט דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב.

און די שרייבער פון „הדואר" מעגן אויך וויסן, אַז יידיש איז ניט קיין קאַפּריז, נאָר די שפּראַך פון אונדזער פאָלק אין גאָרער וועלט. און אומעטום, וואו דאָס יידישע וואָרט ווערט אונטערדריקט מוזן מיר פּראָטעסטירן דאַרויף. בפרט נאָך, ווען די אונטערדריקונג שפּילט זיך אָפּ אין אַ יידיש לאַנד.

די מערסטע חברים, וואָס וועלן אויפטרעטן איצט מיט זייערע באַשולדיגונגען און מיינונגען, זענען אַליין געווען אין ארץ־ישראל, זאָלן די פאַקטן, וואָס זיי וועלן איבערגעבן היינט דאָ פאַר אייך, רעדן פאַר זיך אַליין.

זרובבל

מיר באַשולדיקן און מאָנען אחריות!

פון צייט צו צייט קומען־אָן פון ארץ־ישראל ידיעות וועגן בלוטיקע איבערפאַלן אַף פאַרזאַמלונגען אין יידיש, וועגן שענדלעכע האַנדלונגען לגבי די, וואָס פירן אַוועלכע עס איז קולטור־אַרבעט עפנטלעך אין יידיש, וועגן אָפיציעלע רדיפות; ווערן יידישע מאַסן אין חוץ־לארץ אויפגעבראַכט און מען הויבט אָן פּראָטעסטירן: היתכן? יידן אַליין זאָלן רודפ'ן די שפּראַך פון מיליאָנען יידישע מאַסן אין דער גאָרער וועלט?

דערשיינען אָבער באַלד די שלוחים פון די ציוניסטן, ספּעציעל, פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע (הסתדרות) און נעמען לייקענען שטיין און ביין: ס'איז אַ בילבול, אַן אויסטראַכטעניש פון שונאי ציון, וועלכע ווילן אונטערשטעלן אַ שטרויכל־פיסל דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל . . . אַזוי איז אין אַמעריקע דערשינען פּאַראַיאָרן אַ דערקלערונג פון דער הסתדרות־דעלעגאַציע, זלמן רובאַשאָוו און ברוך צוקערמאַן, אַזוי איז איצט געקומען אַן אָפיציעלער בריוו פון אויספיר קאָמיטעט פון הסתדרות גע'חתמ'עט דורך ישראל מערעמינסקי, אַדרעסירט צו דער מיטל מערב קאָנפערענץ פון די קולטור געזעלשאַפטן אין שיקאַגאָ.

האָבן מיר באַשלאָסן דעם גאַנצן ענין אַרויסברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט און די ליגע האָט אויפגעפאָדערט דעם שליח פון דער הסתדרות און אַ פאָרשטייער פון די היגע רעכטע פּועלי־ציון, וועלכע פירן אָן מיטן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, זיי זאָלן קומען אהער, פּנים אל פּנים מיט אונדז, געבן זייערע דערקלערונגען. מיר האָבן געשריבן צו צוקערמאַנען אויסדריקלעך. אַז מיר לייגן אים נישט פאַר צו „פּאַרטיידיקן די רדיפות", נאָר אויפקלערן און פאַרטיידיקן דעם אָפיציעלן שטאַנדפּונקט פון דער הסתדרות אין דער פראַגע יידיש. דאָס זעלבע האָבן מיר געשריבן חיים גרינבערגן, דעם רעדאַקטאָר פון „אידישן קעמפער". אדרבא, זאָלן זיי ענטפערן דירעקט, אַז

פאַרדרייעניש און אויסמיידעניש, אָן פאַלעמישע שטיקלעך, צי די פאַקטן, וואָס מיר גיבן־אָן זענען ריכטיקע. עס קאָנען דאָך נישט זיין קיין צוויי אמת'ן. דריי־צענדליק יאָר פיר איך מיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט עפנטלעך און טראָג אחריות פאַר מיינע ווערטער. איז אדרבא, זאָלן זיי האָבן דעם מוט דאָ צו דערקלערן וועגן דער „צעשטערערישער כוונה" פון די ראַפאַלקעסעס, ערעמס און זרבבלס און זייערע חברים, וואָס האָבן סיי דאָס פּערזענלעכע לעבן און סיי דאָס לעבן פון אַ גאַנצער באַוועגונג פון יידישע אַרבעטער אין דער גאַרער וועלט פאַרבונדן מיטן אידעאַל און מיט דער טאַט פון טעריטאָריעלן יידישן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל. די „הדואר"־לייט וועלן דאָ נישט אָפּקומען מיטן פּאָליציייאישן אויסגעשריי: „נישט מישן זיך" אין די ענינים פון ארץ־ישראל; ארץ־ישראל איז נישט מער קיין ענין פון יחידים און גרופּקעס. מיטן לעבן דאָרט איז פאַרבונדן דאָס לעבן פון מיליאָנען יידן, אַפילו פון יענע, וואָס וועלן בלייבן תמיד מחוץ פאַלעסטינע.

מיר קומען זיך נישט באַקלאָגן פאַר אייך, הלמאי מען האַקט אויס שויבן, צי מען שפּאַלט אַמאָל קעפּ, אָדער מען צערייסט יידישע צייטונגען. מיט כוליגאַנישע אָנפאַלן וועלן מיר זיך אַליין אַן עצה געבן. אַז דער כוליגאַן הרג'עט, גיט מען אים איין מאָל און אַ צווייטן מאָל איבער די הענט, פאַלט ביי אים אָפּ דער חשק צו „העלדישקייט" אַפן דריטן מאָל. געזעלשאַפטלעך גייט אונדז וועגן דעם סיסטעמאַטישן פּאָגראָם אין דער אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע, אין יענער פאַרפּעסטעטער און פאַרגיפטעטער אַטמאָספער, וואָס ווערט געשאַפן דורך דערציאונג און דערמוטיקונג צו די כוליגאַנישע אויסברוכן. דאָס מוז אויך אייך אַלע דאָ אָנגיין. דאָס האָט נישט צו טאָן מיט איינצלנע בויאַנעס. פאַר דעם טראָגן אחריות די אויטאָריטאַטיווע אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטלעכע כחות פון ארץ־ישראל.

געוויס מ'קאָן ברענגען פאַקטן פון איבערפאַלן אַף אַ יידישער פאָרשטעלונג אין חיפה, פון אַ בלוטיקן אָנפאַל אַף דעם קלוב פון פועלי־ציון אין תל-אביב, פון פּאָגראָמירן אַ פאַרזאַמלונג פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין אין תל־אביב, פון אַן איבערפאַל אַף אַ יובילײ־פייערונג פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. פאַקטן באַקאַנטע, וואָס געהערן צו פאַרשידענע יאָרן, ביז צו די גאָר נאָענטע יאָרן.

איז דאָס געווען אין פלוג אַ שענדלעכע טאַט פון די איבערפאַלער. אָבער ווי אַזוי האָט רעאַגירט די געזעלשאַפטלעכקייט? דער אַרבעטער־אָרגאַן פון דער הסתדרות „דבר" האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אויסצודריקן זיין אומצופרידנקייט, וואָס מענטשן נעמען זיך צונויף אין תל־אביב און האַלטן אָפּ פאַרזאַמלונגען אין יידיש וועגן יידיש; די צייטונג האָט קלאָר און אומצווייטייטיק גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס איז אַ „צווייפלהאַפטע אַרבעט", אַן אומנויטיקע. אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער ארץ־ישראל'־דיקער אַרבעטער פאַרטיי (מפא"י) איז דעם 11טן יאַנואַר, 1935, פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער אויפרוף פון דער אָרגאַניזאַציע איינצופירן די העגעמאָניע

פון העברעאיש אומעטום (אגוד להשלטת העברית), וואו עס ווערט בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז מען דאַרף מיט אַלע מיטלען אויסוואָרצלען די יידישע שפּראַך. די רעדאַקציע האָט נישט צוגעגעבן קיין שום באַמערקונג פון זיך. זי האָט נישט געגעבן אַלע אונטערשריפטן, ווייל דאָרט זענען געווען די אונטערשריפטן פון אַזאַ פּאַשיסט ווי דר. קלויזנער, אַן אונטערשריפט פון הרב קוק; דער אַרבעטער־אָרגאַן האָט בלויז געזאָגט, אַז עס זענען פאַראַן אונטערשריפטן פון טוער און לערער.

ס'איז געשען אַ שענדלעכער פּאַל מיטן דר. ראַפּאַלקעס, וועלכער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פאַרוואַלטונג פון דער אַדוואָקאַטן פאַראייניקונג נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַרויסגעבער פון אַ צייטונג אין יידיש. דער אַרבעטער־אָרגאַן האָט אפילו אין דער כראָניק נישט געבראַכט אָט־די ידיעה. הפּנים ער האַלט, אַז די ידיעה איז נישט אַזוי וויכטיק, ווי דאָס אָנקומען פון גערער רבי'ן קיין ארץ־ישראל.

וואָלט אַן ענלעכער פּאַקט געשען אין וועלכן אַנדער לאַנד, וואָלט מען דאָך געזען אין דעם אַן אויסברוך פון באַרבאַריי, פון אַנטיסעמיטיזם פון ערגסטן מין. בנוגע ארץ־ישראל שווייגט מען און דאָ זוכט מען דעם גאַנצן ענין צו פאַרדרייען. דאָ שעמט מען זיך מיטן אמת אַרויסקומען. מען שעמט זיך צוגעבן און מודה זיין, אַז אין דער הסתדרות גילט ביז היינטיקן טאָג דער כלל, נישט צו לאָזן עפנטלעך זיך באַנוצן מיט יידיש דעם, וואָס איז איבער צוויי יאָר אין לאַנד. מערעמינסקי לייקנט עס אין אַן עפנטלעכן בריוו. ער ווייס נעבעך נישט וועגן אַזאַ זאַך. איז צו באַוואונדערן די קליינמוטיקייט, אָדער די חוצפּה. אָט האָט די רעדאַקציע פון „נייוועלט" פאַרעפנטלעכט אין ארץ־ישראל איר תשובה צוקערמאַנען און רובאַשאָוון און דאָרט איז געבראַכט אַ בריוו פון משה שפּיראָ אין נאָמען פון חיפה'ר אַרבעטער־ראַט צו דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון הויז־דינערינס, וואו עס שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס:

„מיר האָבן באַקומען אַ בריוו פון דער פרויען־קאָמיסיע, וואו זיי באַקלאָגן זיך אויף דעם, וואָס איר רעדט און פירט פאַרזאַמלונגען פון פאַריין אין יידיש. מיר מאַכן אייך אויפמערקזאַם אויף דעם אָנגענומענעם כלל אין דער הסתדרות, אַז יידיש מעגן רעדן נאָר חברים, וועלכע זענען ווייניקער ווי 2 יאָר אין לאַנד. די פאָרזיצערס און פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער מוזן אויסשליסלעך רעדן העברעאיש, ווען זיי קומען אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג פון דער הסתדרות. אויב איר וועט נישט אָפּהיטן אין דער צוקונפט די דאָזיקע אָנגענומענע כללים פון דער הסתדרות, וועלן מיר זיין געצוואונגען אָנצונעמען אַלע נויטיקע מיטלען קעגן דער פאַרוואַלטונג פון פאַריין. מיר בעטן אייך זיך רעכענען מיט דער דאָזיקער וואָרענונג".

ביז היינטיקן טאָג האָט קיינער אין ארץ־ישראל נישט אָפּגעלייקנט די אויטענטישקייט פון דעם ציטירטן דאָקומענט. טאָ ווער־זשע זאָגט אמת: משה שפּירא, וועלכער רעדט אויסדריקלעך וועגן „אָנגענומענעם כלל

אין הסתדרות" און „ווארנט" אפילו דער פארוואלטונג פון פאריין מיט „מיטלען" פאר „נישט אפהיטן די אנגענומענע כללים", אדער ישראל מערעמינסקי, וועלכער לייקנט אין שיקאגע, אז אזא כלל גילט אין הסתדרות?

בעת דעם פאגראם אף דעם יידישן קלאנג-פילם „די יידישע מאמע", האט דער יידישער נאציאנאל-ראט געשיקט א בריוו צום גדוד מגיני השפה אין ירושלים, וואו עס איז געשריבן:

„ג. ה. מיר באשטעטיקן דערמיט די קבלה פון אייער בריוו פון דעם חודש נומער 72,226 און קאנען אייך מעלדן, אז מיר נעמען אן פארשיידענע מיטלען כדי נישט צו שטעלן קיין זשארגאנישע טאן־פילמען. די רעזולטאטן פון אונדזער אינטערווענץ וועלן מיר אייך תיכף מיטטיילן".

גע'חתמ'עט זענען אף אט־דעם אפיציעלן דאקומענט פארן „הועד הלאומי לכנסת ישראל", י. בן צבי און חיים סאלאמאן.

דאס האט פאסירט אין יאר 1930. אבער אין יאר 1934 האבן מיר ווידער א בריוו, אן אפיציעלן, פון זעלבן כאראקטער:

„צום הער האפענקא, תל-אביב.

אין דער לעצטער מינוט האבן מיר זיך דערוואוסט, אז איר האט אפגעגעבן דעם זאל יאשא חפץ איינצוארדנען אן עפנטלעכע פאר־זאמלונג, וואס וועט געפירט ווערן אין זשארגאן.

מיר דריקן אוים אונדזער שארפסטן פראטעסט קעגן אפגעבן דעם זאל פון דער מוזיק שול שולמית אף איינצוארדנען די דער־מאנטע פארזאמלונג כדי צו פארמיידן שטערונגען און אומארדנונגען.

מיר האפן, אז איר וועט עס וויסן אפצושאצן און איר וועט אף ווייטער פארמיידן אזא זאך זאל זיך איבער'חזר'ן".

גע'חתמ'עט איז דער בריוו „מיט פיל כבוד" ישראל רוקח, וויצע־בירגערמייסטער.

ווען אן ענדעקישער אנטיסעמיטישער בירגערמייסטער פון א וואר־שעווער שטאט־ראט וואלט געוואגט שרייבן אפיציעל וועגן זשארגאן, וואלטן אפילו די „גלות'דיקע אידעלעך" פון פוילן געפונען ביי זיך מוט און ווירדע צו שטעמפלען אזא אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונג בנוגע דער שפראך פון מיליאנען יידישע בירגער אין פוילן. קומט אבער אזא פארוועניו, אז סנאב, וועלכער האט זיך ארויפגעארבעט אפן קארק פון די יידישע מאסן, און שפייט אין פנים גראביונגיש: „זשארגאן", איז נישטא קיין מוט אפילו ביי דער ארבעטער־פראקציע אין תל-אביב'ער שטאט־ראט רופן אים צו ארדנונג. . . .

ניין, נישט ווייל איר פעלט מוט, נאר ווייל איר פעלט פארשטענדעניש פאר אט-דער באליידיקונג און דערנידערונג. דאס איז דאך דער הערשנ־דיקער קורס לגבי דער יידישער שפראך, וועלכער פאראייניקט אין איין חברותא די מיטגלידער פון מפאי מיט די ביטערסטע רעאקציאנערן און פאשיסטן. זיי אלע צוזאמען דארפן עס אפהיטן די נאציאנאלע קולטור אין העברעאיש, אדער ווי עס האבן איצט אויסגעפונען פירער פון מפאי

צו באטאָנען, אַז העברעאיש איז דער קלאַסן־אינטערעס פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. פונקט ווי בן יהודה און יהודה גראַזאָווסקי וואָלטן דורך זייער פאַנאַטישן העברעאיזם געזוכט און אויסן געווען דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־אינטערעס פון יידישן אַרבעטער קלאַס. . . .

דאָס איז אַ קורס. אַ ליניע, אַ ריכטונג. דערפאַר וועט איר אין די העברעאישע שולן פון דער הסתדרות נישט געפינען דעם לימוד פון יידיש, אָדער דעם לימוד פון יידישער ליטעראַטור. דערפאַר וועט איר כמעט נישט געפינען אין דעם אָרגאַן פון דער הסתדרות אַן אַרטיקל, וואָס זאָל רעדן וועגן די שאַפונגען און דערגרייכונגען פון דער יידישער שפּראַך און ליטע־ראַטור אין אַנדערע לענדער, בעת אין זעלבן אָרגאַן זענען געדרוקט געוואָרן שענדלעכע און נידערטרעכטיקע אַרטיקלען וועגן יידיש, ווי זעליגמאַנ׳ס און רעגעלסאָנ׳ס:

„יידיש איז די שפּראַך פון איטשע מאיר, דעם הפקר־מענטש. די שפּראַך, וואָס ער באַנוצט, איז אַ הפקר־שפּראַך, אָן כּללים, אָן געזעצן. די ביכער, וואָס ער שרייבט, זענען הפקר־ביכער, אָן געוויסן, אָן לאָגיק, אָן וויסנשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די שטענדיקע גרייזן אין די זשאַרגאָנישע צייטונגען באַצייכענען די ציניִשע באַציאונג פון איטשע מאיר׳ן צו יעדן געדאַנקן־מענטש און צו אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט געדאַנקען בכלל".

און אים האַלט אונטער זיין קאָלעגע רעגעלסאָן:

„די שפּראַך פון יידיש איז אין בית־מדרש, אין כּשר׳ער מקוה, מיטן שטאָט־באָק, מיט פּסח׳דיקע ניסלעך און תשעה־באב׳דיקע שישקעס".

אָט דער נבול־פּה ווערט געזעצט און געדרוקט אַף לייִנאָטייפּס און ראָטאַציע-מאַשינעס, געשענקטע פון יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, צו וועמען מען האָט אַפּעלירט אין יידיש און וועלכע האָבן אין יידיש אויפ־גענומען די שיינקייט און גרויסקייט פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. טאָ זאָלן אָט־די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע באַטש וויסן, וואָס אַזוינס מען שרייבט וועגן זיי, די איטשע מאירס, און זייער שפּראַך אין דער צייטונג, וואָס זיי האָבן געהאָלפן אויפשטעלן!

דאָ האָבן מיר נישט צו טאָן מיט כוליגאַנעס און אומפאַראַנטוואָרטלעכע יינגלעך. דאָס זענען אויטאָריטאַטיווע אָרגאַנען און אַנשטאַלטן, וועלכע טראָגן אחריות פאַר דער אַטמאָספער, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אַרום יידיש. אין דער אַטמאָספער דערציט מען ביטול און פאַראַכטונג צו יידיש, און דורך דעם ביטול און פאַראַכטונג צו די, וואָס רעדן און באַנוצן יידיש.

דער קלימאַקס פון אָט־דער באַציאונג האָבן מיר איצט אין דעם צירקולאַר 202 פון עליה־דעפּאַרטמענט פון דער יידישער אַגענץ וועגן העברעאיש־עקזאַמען ביים באַקומען אַרבעטער־סערטיפיקאַטן. אומעטום אין דער גאָרער וועלט, אויך אין די שטאַטן איז גענוג צו קאָנען יידיש,

כדי נישט צו גילטן אלס עם־הארץ, אלס אנאלפאבעט, און אריינגעלאזן ווערן אין לאנד. די יידישע אגענץ האלט בנוגע ארץ־ישראל אנדערש. מען מוז אפגעבן אן עקזאמען אין העברעאיש כדי אריינצוקומען אין לאנד. נאטירלעך האט מען דעם עקזאמען אין העברעאיש באשטימט נאר פאר ארבעטער. קאפיטאליסטן האבן זייער אפיציעלע שפראך, וועלכע ענטפערט אף אלץ. הכסף יענה את הכל. די יידישע אגענץ אנערקענט די שפראך פון געלט אן העברעאיש. אבער די שפראך פון ארבעטער־מאזאליעס און פראצע גילט נישט אן דער העברעאישער סמיכה. מען האט צוערשט גע־וואלט אויך את־דעם פאקט לייקענען. זלמן רובאשאוו האט איבערגעגעבן, אז ס'איז א בילבול און ס'וועט קומען א הכחשה. זענען אריבער עטלעכע וואכן. די הכחשה איז נישטא. דערפאר אבער האט שוין אפילו א העב־רעאישער שרייבער, זלמן עפשטיין, פראטעסטירט קעגן דער נבלה פון דער העברעאיש־גזירה לגבי ארבעטער־סערטיפיקאטן. די יידישע ארבעטער־מאסן פון אמעריקע שווייגן. די מיטגלידער פון רעכטע פועלי־ציון, וואס האלטן־אוים יידישע שולן אין אמעריקע, שווייגן. זיי טראכטן נישט וועגן דעם, וואס וועלן זיי ענטפערן שפעטער די קינדער, וועלכע ווערן דורך זיי דערצויגן אין יידיש, ווען יענע וועלן פרעגן: ווער האט אויסגע־טראכט את־די שענדלעכע גזירה קעגן יידישע ארבעטס־מענטשן, ווער, אויב נישט די יעניקע, וואס טראגן די גאנצע אחריות פאר דער היינטיקער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און יידישער אגענטור?

מוז קומען די באשולדיקונג נישט בלויז קעגן די, וואס טוען די נבלה, נאר אויך קעגן די, וואס נעמען זי אויף שווייגנדיק און גלייכגילטיק.

זענען עס רדיפות אף יידיש? גערעכט איז דוד פינסקי, וועלכער האט אין אן ארטיקל אין „אידישן קעמפער" דערקלערט, אז „רדיפות איז נאך א צו שוואך ווארט". דער זעלבער פינסקי ווייסט, אלס קינסטלער, אז „יידיש איז בלויז (אין פאלעסטינע) פארהאסט און פארעקלט, מוקצה מחמת מיאוס". ס'איז נישט סתם מורא פאר יידיש. „האט דען דער ווייסער אין דרום פון די שטאטן מורא פאר דעם שווארצן? ער האט נאר צו אים א געפיל פון פאראכטונג". דאס זעלבע איז דאס געפיל, וואס די העברעאיסטן פלאנצן איין ביי דער געזעלשאפטלעכקייט בנוגע יידיש. מען דארף זיך שעמען צו רעדן יידיש אין דער עפנטלעכקייט. די מאמע קומט אין שול אריין און וועגדט זיך צום קינד אף שטום־לשון, ווייל דאס קינד האט זיך געבעטן ביי דער מאמען, זי זאל אין שול נישט רעדן „זשארגאן" און נישט פארשעמען עם פאר די איבעריקע קינדער. מיינען די העברעאיסטישע קולטור־טוער דערפון צו דרינגען, אז די מאמע דארף זיך וואס גיכער אויסלערנען העברעאיש, און מיר מיינען, אז די לערער דארפן זיך וואס גיכער אויסלערנען אכטונג און דרך־ארץ פאר דער שפראך פון יידישע מיליאנען און פאר את יענע מאמעס, וועלכע זענען זיך אין פארשידענע לענדער מוסר נפש ביים אויפשטעלן און אויפהיטן די יידישע שול און בילדונגס אינסטיטוציעס פאר די יידישע קינדער כדי אויפהיטן

דעם לעבעדיקן אָרגאַנישן קאָנטאַקט צווישן אַלע טיילן פון אונדזער נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו.

ערגער ווי רדיפות איז דער סיסטעמאַטישער פּאָגראָם, דער פּסיכישער און אידעאָלאָגישער, וואָס ווערט געפירט פון דער אָפיציעלער געזעלשאַפטלעכקייט אַף די עפנטלעכע רעכט פון דער יידישער שפּראַך. נישטאָ נאָך אַ לאַנד אין דער וועלט, וואו מען זאָל נישט טאָרן אויסהענגען קיין שילד אַף יידיש, וואו מען זאָל מורא האָבן צו פאַרדינגען אַ זאַל אַף אַ פאַרזאַמלונג אין יידיש.

געוויס ווערט יידיש אַ סך געליינט אין ארץ־ישראל. טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון יידישע צייטונגען ווערן פאַרשפּרייט אין ארץ־ישראל, עס ווערן פראַנק און פריי פאַרקויפט אין די גאַסן אַפילו שונדישע און האַלב־פּאָרנאָגראַפישע צייטונגען אין יידיש, אבי זיי דערשיינען ערגעץ אין וויסטן גלות. דער ארץ־ישראל'דיקער באָדן טאָר אָבער נישט דולדן קיין אייגענע צייטונג אין יידיש. מען דערלאָזט נישט די „נייוועלט" פריי אַף דער גאַס. מען דראָעט דעם דרוקער, מען דראָעט די צייטונגס־פאַרקויפער, מען באַפאַלט די אַרבעטער, וואָס פאַרקויפן אַליין פריוויליק, נישט צוליב פּרנסה, די „נייוועלט", און יידישע פּאָליציאַנטן האַלטן עס וואַרשיילעך פאַר אַ פּאַטריאָטישער טאַט צו אַרעסטירן אַזעלכע פאַרקויפערס און נאָכקאָנטראָלירן בעת מעשה זייערע פּאַפּירן, צי זיי זענען אַריינגעקומען אין לאַנד אַף אַ לעגאַלן וועג. . . .

געוויס ווערט יידיש אַ סך גערעדט אין ארץ־ישראל. אַף אַ באַראַטונג פון דער הסתדרות מוז מען צוגעבן, אַז יידיש ווערט גערעדט אַלץ מער אין די וואַרשטאַטן, אין פאַבריקן, אַף אַרבעטס־פּלעצער. ס'איז געוואָרן אַ סימן פון „גוטן טאָן" ביי אַרבעטער צו רעדן יידיש. אָבער דאָס בלייבט אין די ראַמען פון פּריוואַטן פאַרקער. מען רעדט יידיש דערפאַר, ווייל טויזנטער און צענדליקער ניי־אָנגעקומענע קאָנען זיך נישט אויסלעבן אַנדערש ווי אין יידיש, און ווייל אָט־די כוואַליע פליצט און ברייטערט זיך אויס און פאַרכאַפּט אויך יענע, וועלכע זענען הונדערט פּראָצענטיקע העברעאיסטן. האָט מען געמאַכט דעם אויספיר אַף דער קאָנפערענץ, אַז מען דאַרף זיך נישט אָפּשטעלן פאַר ברוטאַליטעט און אַרויפצווינגען העברעאיש מיט געוואַלט. דאָ וועט אָבער קיין געוואַלט נישט העלפן צום אויסלערנען זיך און איינלעבן זיך קולטורעל מיט העברעאיש; דאָ קאָן מען דערגרייכן בלויז איינס: אַראָפּדריקן די מאַסן צו אַ נידעריקערן קולטור ניוואָ, אַוועקרויבן ביי זיי די מעגלעכקייט צו גענישן פון קולטור און פאַרטרייבן זיי ווייט אַוועק פון עפנטלעכן לעבן און טעטיקייט. אַזוי פּאַסירט מיט גאָר אַ גרויסער צאָל מענטשן, וועלכע זענען אין דער היים געווען אַקטיוו אַף פאַרשידענע געביטן און וואָס אַ דאַנק אָט־דער אַקטיוויטעט זענען זיי געקומען אין לאַנד. דאָ האָט מען זיי אויסגעשניטן די צונג און פאַרשטאָפּט די אויערן און זיי דעגראַדירט צו דער מדרגה פון אַנאַלפאַבעטן, פון פּרימיטיווע בריות, וואָס וויסן נאָר צו האָרעווען שווער, אָבער נישט צו גענישן

אליין גייסטיק פון דער קולטור, וואָס זיי גופא שאַפן.

אָבער אויב די מאַסן נויטיקן זיך אין יידיש, פאַרוואָס־זשע זעט מען נישט זייער בונט קעגן די אונטערדריקער, זייער קאַמף קעגן די רדיפות? ס'איז דאָך נישט מער, ווי אַ קליין הייפל לינקע פועלי־ציון, וואָס טומלט וועגן יידיש. אָבער זיי זענען איזאָלירט פון דער געזעלשאַפט, פון דער גרויסער מערהייט טאַקע פון די אַרבעטער־מאַסן גופא. אַ סברא, אַז די מאַסן ווילן ברענגען דעם קרבן פון יידיש, ווייל זיי ווייסן, אַז דורכדעם וועט אויפגעשטעלט ווערן די איינהייט און גאַנצקייט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. . . .

אַזאַ טענה איז פאַלש און אומגערעכט. געווען אַ צייט, ווען אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן די „מאַסן" נישט געוואָלט הערן פון סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע. . . . מען האָט די ערשטע סאָציאַליסטישע „טומלער" אָנגעבראָכן די ביינער, געבונדן אין שטריק און איבערגעגעבן אין די הענט פון די צאַרישע סאַטראַפּן און הענקערס. האָט מען דערפון געדאַרפט דרינגען, אַז די פאָדערונגען פון די סאָציאַליסטן זענען פאַלשע, באשר די „מאַסן זענען דאָך בפירוש קעגן"? דערפון האָט מען געדרונגען נאָר דאָס, אַז די מאַסן ווייסן נישט תמיד אַליין, אין וואָס זיי נויטיקן זיך, און מען מוז זיי דעריבער עפענען די אויגן, אויפקלערן, אָרגאַניזירן און מאָביליזירן צום קאַמף פאַר זייערע רעכט.

די „ליגע פאַר רעכט פון אידיש אין ארץ־ישראל" נעמט אַרום מענטשן און גרופּן מיט פאַרשידענעם בליק אויף אַלגעמיינע און יידישע פּראָבלעמען, ממילא זענען אין איר פאַראַן אויך מענטשן מיט פאַרשידענער באַציאונג צום פּראָבלעם ארץ־ישראל אין יידישן לעבן. איך אַליין געהער צו אַ פּאָליטישער באַוועגונג אין דער יידישער אַרבעטער גאַס. מיט 30 יאָר צוריק, ווען מיר, פועלי־ציון, זענען געקומען מיט אונדזער באַראָכאָוויסטישן פּראָגנאָז וועגן דעם אויפקום פון יידישן טעריטאָריאַלן אַרבעטער-צענטער אין פּאַלעסטינע און זיין ראָל אין לעבן און קאַמף פון די יידישע מאַסן, זענען מיר אויך געווען איזאָלירט. סיי צווישן די סאָציאַליסטן האָט מען געלאַכט פון די „כותל־מערבי־סאָציאַליסטן" און סיי צווישן די ציוניסטן האָט מען גע'חוזק'ט איבער דעם „קלאַסנקאַמף" קעגן דער צדקה־פושקע פון נאַציאָנאַל פאָנד, איידער דאָס „הויז איז אויפגעבויט". איז וואָס געווען דערפון צו דרינגען? אַז די איזאָלירטע גרופּע, די נישט אַנערקענטע פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און נישט באַטייליקטע אין ציוניסטישן קאָנגרעס, איז אומגערעכט? היינט צו טאָג וועט עס קיינער נישט זאָגן, אַפילו די גרעסטע קעגנער פון ארץ־ישראל, אָדער פון קלאַסן־שטאַנדפּונקט בנוגע פּאַלעסטינע. דאָס האָט נאָר אַן איבעריק מאָל באַוויזן, אַז אַ פּאָליטישע באַוועגונג פרעגט זיך נישט ביי די מאַסן, וואָס זיי זאָגן, נאָר זי זוכט אויסצוגעפינען וואָס עס פאָדערן די לעבנס־אינטערעסן פון די מאַסן, ווען אַפילו די מאַסן פאַרשטייען נאָך אַליין נישט צו לייענען די שפּראַך פון זייערע אייגענע אינטערעסן.

פּערצן

פאַראַן אַ סך פּראָבלעמען אין ארץ־ישראל, וואו די מערהייט גייט אָן מיט אָן אַנדער וועג. אָט איז איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, די גורל־פראַגע פון אונדזער ווייטערדיקן לעבן אין פּאַלעסטינע, די פראַגע וועגן יידיש־אַראַבישע באַציאונגען. דערמיט איז אויך פאַרבונדן די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו דער בריטישער מאַנדאַט־מאַכט. איז געקומען בן גוריון און דערקלערט עפנטלעך, אַז „ווער עס איז קעגן קאָאָפּעראַציע מיט דער מאַנדאַט־מאַכט איז אַ פאַררעטער פון יידישן פאָלק און פון ארץ־ישראל'דיקן אויפבוי". מיין איך, אַז ריכטיקער איז די באַהויפּטונג, אַז אַ פאַררעטער איז דער, וואָס בינדט צונויף די באַפרייאונג פון דעם יידישן פאָלק מיטן קיום פון אימפּעריאַליסטישער מאַכט און ענגלישער קאָלאָניאַל פּאָליטיק אין ארץ־ישראל.

אָט האָט בן גוריון געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט זשאַבאָטינסקין און דערמיט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף דעם קלאַסנקאַמף פון די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע. אב. קאַהאַן וויל נישט „שטערן דער הסתדרות". ביי אים איז הייליק אַלץ, וואָס די „פּאַלעסטינער אַרבעטערשאַפט" טוט. און מיר, אַלס מיטגלידער פון דער הסתדרות, האָבן גרייטלעך אויפגענומען אַ קאַמף קעגן יענעם שענדלעכן אָפּמאַך פון די פירער. ביי די „הדואר־לייט" מיט אב. קאַהאַנען מיינט עס „שטערן", „טומלען", „צעברעכן". און איך באַהויפּט, אַז אָט־דאָס ערשט מיינט אויפבויען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און ממילא דאָס נייע לעבן אין ארץ־ישראל. געוויס דאַרף מען „שטערן" יעדן „שלום" צווישן דער אַרבעטערשאַפט און אירע בלוט־זויגערס, געוויס דאַרף מען צעברעכן יעדן פּאַקט צווישן אַרבעטער און פאַשיזם אפילו אונטער דער מאַסקע פון בנין־הארץ. ס'איז אונדזער שטאָלץ און גליק, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן אונדזער רוף פאַרשטאַנען און בן גוריונ'ס אייגענע חברים האָבן געשטימט אָפּצוואַרפן דעם שענדלעכן אָפּמאַך, וועלכן זייער באַליבטער פירער האָט גע'חתמ'עט. מיר האָבן זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון „צעשטערן" דעם „שלום" אין הסתדרות און אין ישוב, ווייל אָט־דער „שלום" איז קעגן די אינטערעסן פון קומענדיקן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

אויך אין דייטשלאַנד הערשט איצט אחדות און שלום. אַלע שטייען הינטער דעם „פירער". ס'ווערט אָפּגעהיט הונדערט פּראָצענט ריין־אַרישע אַרבעט און ס'הערשט איין נאַציאָנאַלע דייטשע שפּראַך. ווען מיר מיטן גאַנצן פייער פון אונדזער נשמה קעמפן און רופן די יידישע מאַסן אין דער גאָרער וועלט צו קעמפן קעגן אַזאַ „פרייען" יידישן לעבן אין פּאַלעסטינע. די פירער פון דער הסתדרות זענען איינגעשטעלט אויף די פּרינציפּן פון „כיבוש עבודה" פון עבודה עברית במאה אחוז (הונדערט פּראָצענט ריין־יידישע אַרבעט), פון תוצרת הארץ, וואָס ביי זיי מיינט עס תוצרת עברית (אָרטיקע פּראָדוקציע — יידישע פּראָדוקציע), פון שלום און קאָאַליציע מיטן יידישן קלעריקאַליזם, מיט דער העבראַאיסטישער פיינטשאַפט און פאַראַכטונג צו יידיש.

ווילן מיר צעשטערן אַט-די אַלע פּרינציפּן, ווייל ס'איז אונדזער טיפסטע איבערצייגונג, אַז זיי זענען דער גרעסטער אומגליק פאַר ארץ-ישראל און פאַרן גאַנצן יידישן לעבן. איז דאָך אויך ארץ-ישראל די זאַך פון יידישן לעבן אומעטום, און נישט נאָר פון די עטלעכע הונדערט טויזנט יידן, וואָס זענען צופעליקע היינט אין לאַנד. הונדערטער טויזנטער וועלן נאָך קומען. הונדערטער טויזנטער וועלן באַאיינפלוסט ווערן פון דעם, וואָס דאָרט קומט פאָר. מוזן מיר אַלע זיך אַריינמישן און אַכטונג געבן, אַז עס זאָל נישט אויפגעשטעלט ווערן קיין שטער פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט.

די יידישע מאַסן קומט-אויס שווער און ביטער צו קעמפן קעגן אַ וועלט מיט שונאים פאַר רעכט אַף לעבן, פאַר רעכט אַף נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. אַ פאַרברעכן באַגייען יענע, וואָס זייען אומגלויבן אין די אויפגייענדיקע כחות פון יידישן לעבן אומעטום אַ חוץ פּאַלעסטינע, יענע, וואָס, פאַרשטעלט אָדער אָפן, אָריענטירן זיך אַפן אונטערגאַנג פון אומעטומעדיקן יידישן לעבן. זיי ווילן אַלץ קאָנצענטרירן בלויז און אויסשליסלעך אַף ארץ-ישראל. זיי פּראָקלאַמירן, אַז דער קאַמף קעגן פּאָגראָמען אין אַלע לענדער איז אויסזיכטלאָז, אַז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם איז נישט מער ווי באַבסקע רפואות. אויב אַזוי איז אויך קלאָר, אַז די אַלע דערגרייכונגען פון די יידישע מאַסן וועלן אומקומען אין רעזולטאַט פון שטייגנדיקן פאַשיזם אין דער וועלט. פונדאַנען די פאַראַכטונג צום „גלות", צו די „גלות"-יידן, צו דעם „גלות"-לעבן, צו דער „גלות"-שפּראַך.

איז עס נישט נאָר קורצזיכטיקייט און פּאָליטישע נאַאיווקייט, נאָר אַ פאַרברעך פון פּראָפּאַגאַנדירן פאַרברעכערישע רעאַקציאָנערע אידעען, פון אָריענטירן זיך אַף דעם זיג פון היטלעריזם. וואָלט אַט-די אנשויאונג געווען אַ ריכטיקע, וואָלט עס געמיינט נישט נאָר אונטערגאַנג פון „גלות", נאָר אויך פון ארץ-ישראל גופא. היטלעריזם ווייזט זיינע נעגל אויך אין פּאַלעסטינע, און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער אימפּעריאַליזם זאָל זיך מיט אים באַנוצן קעגן דעם אויפשטייגנדיקן יידישן אַרבעטער-לעבן אין ארץ-ישראל.

מיר זעען פאָראויס דעם אויפשטייג פון אַרבעטער-כחות אין דער גאָרער וועלט. היטלעריזם וועט געבראָכן ווערן דורכן אויפקום פון אַרבעטער-כחות, סיי אין דייטשלאַנד און סיי אין אַנדערע לענדער. אַט-דאָ שעפּן מיר גלויבן און זיכערקייט אויך אין דעם אויפקום פון אַרבעטנדיקן ארץ-ישראל. אָבער דאָ זענען די קוואַלן פון אונדזער זיכערקייט, אַז אויך דאָס יידישע לעבן אין אַנדערע לענדער וועט נישט אונטערגיין. דער בעסטער באַוויז: די דערגרייכונגען אין ראַטנפאַרבאַנד און די שטעלונג פון דער ראַטנמאַכט לגבי דער אַנטוויקלונג פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. איז דאָס אויך אונדזער אַלגעמיינע ליניע בנוגע די ברידלעכע און חבר'שע באַציאונגען צווישן יידישע און אַראַבישע אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס; אונדזער איבערצייגונג איז פעסט, אַז דער יידישער טעריטאָריאַלער אַרבע-

זעכצן

מער־צענטר וועט אויפקומען נאָר אין אַ פרייער אומאָפּהענגיקער פּאַלעסטינע פון אַרבעטער און פּויערים, יידן און אַראַבער, פּאַראייניקטע אין אינטער־נאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט.

אַט־די פּאָליטישע איינשטעלונג און אָריענטאַציע מוז אויפגענומען ווערן פון יעדן ערלעכן יידישן אַרבעטס־מענטש, פון יעדן קולטור־מענטש, וואָס זוכט פאַר זיך אַ וועג אין דעם וויסטן מדבר פון די איצטיקע אינטער־נאַציאָנאַלע פאַרהעלטעניש; מען מוז פאַרשטיין און באַנעמען די קאַלאָ־סאַלע ראָל, וואָס ארץ־ישראל שפּילט שוין און וועט נאָך שפּילן אין יידישן לעבן. אָבער פונקט אַזוי מוז יעדער פאַרשטיין, אַז ארץ־ישראל טאָר נישט אָפּגעריסן ווערן פון דעם קאַמף פון יידישע מאַסן פאַר זייערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעכט און לעבנס־מעגלעכקייטן אויך אין אַנדערע לענדער.

אין פּאַלעסטינע גייען איצט צענדליקער טויזנטער יידישע מאַסן. זענען מיר פאַרפליכטעט צו אינטערעסירן זיך מיט זייער לעבן דאָרט. דאָס וועט זיך אָפּרופן אַף אונדזער לעבן איבעראַל. מען קומט און מען פאָדערט אייער הילף בנוגע ארץ־ישראל. מיט אייערע געלטער האַלט מען אויף אין „גלות" הכשרה־פונקטן, וואו מען דערציט לכתחילה אַ העברעאישטישע יוגנט, וועלכע קערט זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג צו דעם קאַמף פאַר אונדזער מאַסן־קולטור אין די לענדער, וואו זי געפינט זיך. דערנאָך שטיצט מען זיך אין ארץ־ישראל אַף דעם העברעאיזם פון דער זעלבער יוגנט כדי צו שטיקן און דריקן יידיש, און אייך הייסט מען זיך „נישט מישן". מיט אייער געלט בויט מען עליה־אַמטן, אין אייער אָלעמענס נאָמען רעדט מען צו די פעלקער און צו דער מאַנדאַט־מאַכט, און אַלס אייערע רעפּרעזענטאַנטן קריגט מען סערטיפיקאַטן, און דערנאָך שטעלט מען אויף אַ וואַנט פון העברעאיש־גזירות כדי נישט דורכלאָזן אַרבעטס־מענטשן, וועלכע נויטיקן זיך אין ארץ־ישראל און אין וועמען ארץ־ישראל נויטיקט זיך נישט ווייניקער.

מיט היטלערן שליסט מען „טראַנספער"־אָפּמאַכן כדי צו ראַטעווען פאַרמעגנס פון דייטשע יידן, וועלכע וועלן דערנאָך אין ארץ־ישראל גופא איינפירן היטלעריסטישע פּרינציפּן בנוגע אַרבעטער; אָבער אַף די יידישע אַרבעטער, אַף די לעבעדיקע האָרעפּאַשניקעס ווילן די „רעטער פון יידישן פאָלק" אַרויפלייגן אַ געלע לאַטע, אַ נייעם חרם, באשר זיי קאָנען נישט קיין העברעאיש.

זאָלט איר שווייגן? האָט איר אַ רעכט צו שווייגן?

מיר מאָנען ביי אייך אחריות. הויבט אויף אייער פּראָטעסט־שטימע. איר האָט אָפּגעשריען געגנוג גזירות, וואָס זענען געקומען אַף יידן מצד „גוים", זענט איר מחויב איצט אָפּשרייען די גזירה, וועלכע קומט מצד דעם קעמפּנדיקן העברעאיזם. דאָס וועט זיין אַ טובה פאַר די יידישע מאַסן, וועט עס ממילא זיין אַ טובה אויך פאַרן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

מ'טאָר זיך נישט באַנוגענען מיט רעזאָלוציעס. ס'איז צייט צו שאַפן פאַקטן, נייע, אַנדערע פאַקטן. קעגן די פאַקטן פון רדיפות זאָלן עס זיין פאַקטן פון אונדזער אַלגעמיינער אחריות

האָבן יידישע אַרבעטער און פאָלקס מענטשן געקאָנט אויפשטעלן אין ארץ־ישראל דרוקערייען, וואו מען דרוקט אין העברעאיש שענדלעכע אַר־טיקלען קעגן יידיש, — דאַרפט איר זיך איצט דערהויבן אויפשטעלן אַ נייע דרוקעריי, וואו עס זאָל געדרוקט ווערן די צייטונג „נייוועלט״, אייער אייגנס, וואו עס זאָל קומען צום אויסדרוק אייער אייגן פליייש און בלוט, און דורך דעם זאָלט איר זיך נאָך מער דערנענטערן און פאַרהיימישן מיטן נייעם, נישט רעאַקציאָנערן, נישט קלעריקאַלן, נאָר פרייען, אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

ראַטעוועט דעם נייעם דור, וואָס קומט אויף אין ארץ־ישראל פון סנאָ־ביזם, פון פּרעמדקייט צום יידישן לעבן, ראַטעוועט אים פאַר די פּראָבלע־מען פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, ראַטעוועט ארץ־ישראל פון דעם ביטול און פאַראַכטונג צום אייגענעם מקור, צום ברייט פאַרצווייגטן יידישן מאַסן לעבן אומעטום. נעמט־צו ביי די היטלעריסטן דאָס געווער צו באַרעכטיקן זייערע רדיפות אַף אונדזער שפּראַך און קולטור דורך די רדיפות אַף דיזעלבע מצד די אייגענע אין פּאַלעסטינע.

העלפט אונדז אויפשטעלן קולטור־פּאָזיציעס, ממשות׳דיקע ווערטן, העלפט אונדז צו קעמפן פאַר די רעכט פון יידיש אין ארץ־ישראל!

ס׳איז נישט קיין קאַמף קעגן העברעאיש, נאָר קעגן אַגרעסיוון פאָלקס פיינטלעכן שאָוויניסטישן העברעאיזם, ס׳איז אַ קאַמף פאַר די רעכט פון די, וואָס קענען און ווילן זיך אויסלעבן אויך אין ארץ־ישראל אין דער יידי־שער שפּראַך, ווייל אויך ארץ־ישראל איז ביי זיי ניט אַ ענין פאַר זיך, נאָר ענג און אָרגאַניש איינגעוועבט אין דעם גרויסן קאַמף פאַר איבעראַנדערשן דאָס גאַנצע אומעטומיקע לעבן פון די יידישע מאַסן אַף נייע געזונטע פּראָ־דוקטיווע יסודות.

העלפט מאָראַליש דורך אייער פּראָטעסט קעגן רדיפות, העלפט פינאַנ־ציעל דורך אויפשטעלן פעסטע פּאָזיציעס פאַר יידישער מאַסן קולטור אין ארץ־ישראל.

פרץ הירשביין

אַ ליכט וועט אויסגעלאָשן ווערן אין אונדזער לעבן

חשוב'ע פאַרזאַמלטע:

איך בין היינט ניט גערן געקומען אהער רעדן פאַר אייך וועגן די אָנפאַלן אויף יידיש אין ארץ־ישראל, מחמת שווער איז מיר אַזוי אָפּט אָנ־צורירן אַ וואונד וואָס בלוטיקט אַזוי לאַנג, אַ וואונד וואָס איז נאָך אַלץ פריש, און ווייטיקט.

וואָס זאָל איך איצטער טאָן? דערמאָנען נאָכאַמאָל ווי אַזוי מען באַשפּייט מיט גאַל דער יינגערער שוועסטער פון העברעאיש — יידיש, אונדזער פאָלקס־שפּראַך? בפרט, ווען איך ווייס, אַז פּאַרלויפיק טרעפן אונדזערע רייד ניט דעם געווינטשטן ציל, אונדזערע אויפריכטיקע, פריינט־לעכע וואָרנונגען — ווי פאַטאַל עס איז אָפּצורייסן זיך פון פאָלקס־שורש, אין דער צייט ווען מען טרינקט פון אַלע פאָלקס גייסטיקע קוואַלן — ווערן מיט חוזק אָפּגעשטויסן!

נאָך שטאַרקער איז דער ווייטיק, מחמת אונדז איז טייער דער אויפבוי פון ארץ־ישראל; און מיר ווילן, אַז ארץ־ישראל זאָל מיט אַ נאַטירלעכן קשר זיין פאַרקניפּט מיטן גלות און מיט דעם גאַנצן יידישן פאָלק — בין אויסן די געזונטע, פשוט'ע פאָלקס־מאַסן.

דאַריבער, ווען איך ווייס ווי אונדזער וואָרט דערגרייכט ניט צו די חלוצים און בויער פון אַ יידישן בנין, און אויב עס דערגרייכט יאָ — פאַלט עס אויף אַ פאַרשטאָפּטע האַרץ — וויל איך היינט פאַר דער עפנטלעכקייט, און אפשר פאַר אונדזער דור, כאָטש פאַרצייכענען אַ טייל פון מיין ויכוח מיט ח. נ. ביאַליק, מיט ניין יאָר צוריק, ווען צוליב שלום אַש'ס און מיין באַזוך אין ארץ־ישראל האָט די העברעאיש־יידישע וואונד שטאַרק גע־בלוטיקט:

— איך וויל, הירשביין, זאָלסט פאַרשטיין, אַז דער היינטצייטיקער זשאַרגאָן וועט אונטערגיין פּונקט ווי עס זענען ביי יידן אונטערגעגאַנגען אַנדערע זשאַרגאָנען.

— ווייסט דאָך, חיים נחמן, אַז קיין שום אַנדערע יידישע שפּראַך, אַריינגערעכנט העברעאיש, האָט זיך אַזוי ניט באַהעפט מיט די יידישע ברייטע מאַסן, און קיין שום יידישע שפּראַך האָט זיך אין לעצטן דור אַזוי ניט אַנטוויקלט ווי יידיש; און ווען אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט האָבן אַזויפיל מיליאָנען גערעדט אין אַ יידישער שפּראַך — ווי אין דער שפּראַך וואָס דו רופסט אָן זשאַרגאָן? דו אַליין האָסט דאָך אַזויפיל ביי־געטראָגן צום קיום פון יידיש. ביסטו ניט געווען אויפריכטיק יעמאָלט, ווען דו האָסט געשאַפן אין יידיש?

— אַלץ אמת, אָבער, נאַרישער מענטש, זעסט דאָך אַליין דעם נאַטירלעכן פּראָצעס, וואָס בשעת העברעאיש אַנטוויקלט זיך און מיט ליבשאַפט דערנענטערט זיך צו איר דער אַלטער דור, און לעבעדיק קלינגט איצטער העברעאיש אין די מײַלער פון גאַנצן יונגן דור אין ארץ־ישראל, פאַרשווינדט יידיש פון די מײַלער פון יונגן דור אין אַלע גלות־לענדער. ווייסט גוט וואָס אין דײַן אַמעריקע קומט פאָר מיט יידיש. טאָ צוליב וואָס זיך עקשנ'ען און דערהאַלטן ביים לעבן אַזאַ זאַך וואָס איז פאַר'משפט צום טויט?

— טאָ לאָמיר דיר, חיים נחמן, פרעגן עפּעס אַנדערש. ווייסט דאָך, מען האָט אַמאָל געגלויבט, אַז אַ שטאַרקער וואונטש קען גלייך אַף אַן אָרט מקוים ווערן; ווי־זשע וואָלט דיר דאָס יידישע לעבן אויסגעזען, ווען איצטער, אָט ווי מיר שטייען ביידע און רעדן, איז געשען דער געווינטשטער נס, ווי די העברעער פאַרלאַנגען — יידיש איז פּלוצלונג אויסגעגאַנגען און פאַרגעסן געוואָרן . . . מ'האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו הערן אין יידישן לעבן אַפילו דעם אָפּקלאַנג פון יידיש . . .

ביאַליק איז בלאַס געוואָרן. אין זיינע אויגן — דער אומבאַשרייבלעכער טרויער. ער האָט מיך מיט טרויער און גליווער אַ ווייל אָנגעקוקט, און געזאָגט:

— דאָס איז אכזריות. ווען יידיש נעמט און גייט אַזוי פּלוצלונג אויס, וואָלט עס געוועזן גלייך ווי אַ גרויס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן אין יידישן לעבן. . . .

נו, און אויב ביסלעכווייז, אין אַ פופציק, צי הונדערט יאָר וועט יידיש אויסגיין — וועט זיך דען ניט אויסלעשן אַ גרויס ליכט אין אונדזער יידיש לעבן?

וויל איך דאָ בלויז אויסדריקן ביאַליקס געפיל: יידיש איז דאָס גרויסע, פריידיקע ליכט אין יידישן לעבן — מחמת יידיש טראָגט אין זיך אויך דעם ניצוץ פון באַפרייאונג — און צו אייך, חלוצים און בויער, שריי איך פונדעסטוועגן אַריבער: לעשט ניט אויס דאָס ליכט וואָס שטראַלט פון פאָלקס נשמה אַרויס, און רייסט ניט איבער דעם קשר מיטן גרויסן גלות, וואָס איז נאָך דערווייל אונדזער פאָלקס היים! באַהעפט זיך מיטן פאָלקס גייסט און זיינע אוצרות; פאַר'משפט זיך אַליין ניט צו גייסטיקער אָרימקייט!

בנימין טייטלבוים

געליימט אַף דער צונג און אין גייסט

חשוב׳ע פאַרזאַמלונג:

עס איז שוין דאָ באַמערקט געוואָרן, אַז אַזוי גיך ווי איינער דערוועגט זיך אַ וואָרט קריטיק בנוגע ארץ־ישראל, קומען גלייך די געשוואוירענע ציוניסטן און פּסל׳ן יענעמס רעכט.

איך בין נישט קיין ציוניסט און האָב דאָך אַ רעכט אַף ארץ־ישראל! מיין רעכט נעמט זיך פון דעם, וואָס ארץ־ישראל האָט אויפגעהערט צו זיין אַן ענין בלויז פאַר ציוניסטן און איז געוואָרן אַ לאַנד אין וועלכן גרויסע יידישע מאַסן זענען געפאָרן באַזעצן און דאָרטן לעבן.

איך בין געפאָרן אַהין טאַקע צוליב די צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. איך האָב געוואָלט זען, ווי אַזוי זיי אָרדענען זיך איין, ווי אַזוי זיי לעבן דאָרטן, וואָס עס קוועלט זיי און וואָס עס פּרייט זיי!

אין איינעם פון די נומערן „צוקונפט" האָב איך קינסטלעריש געשילדערט מיין פאָרן אַהין. איך בין אָבער נישט געפאָרן אַהין ווי קיין שרייבער, ווי אַ פּשוט׳ער אַרבעטער, איינער פון די טויזנטער, בין איך אַהין געפאָרן. אויף אַ שיף מיט אַכט הונדערט פּוילישע יידן בין איך געפאָרן. איך האָב זיך נישט באַנוגענט מיט קוקן פון דער זייט. צוזאַמען מיט די עולים, צוזאַמען מיט די חלוצים בין איך געקומען, צוזאַמען מיט זיי געווען אין בית עולים. געזען ווי זיי אָרדענען זיך איין און איך קאָן דאָ זאָגן, אַז די ציוניסטן דריקן אונטער יידיש בלויז ווייל זיי האָבן מורא, אַז אונדזער לעבנס־פעיאיקער יידיש וועט פאַרשווענקען דאָס העברעאיש!

עס איז אמת, אַז די מאַסן קאָנען נישט און רעדן נישט קיין העברעאיש! צווישן זיך רעדן די מאַסן נאָר יידיש! אָבער עפענטלעך איז זיי פאַרמאַכט דאָס מויל, זענען זיי שטום!

אַן אינטערעסאַנטן פאַל האָב איך געהאַט אין תל־אביב.

אַ גרופּע יידישע אַרבעטער זענען געוואויר געוואָרן, אַז איך בין אַ שרייבער, אַז מיינס אַ בוך איז נאָר וואָס געווען דערשינען. זענען זיי צוגעשטאַנען צו מיר:

— גיט אונדז אַ יידיש וואָרט; לייענט עפּעס פאַר אונדז! דערציילט אונדז עפּעס, וואָס עס קומט פאָר אַף דער וועלט!

איך האָב נישט געהאַט קיין האַרץ זיי אָפּצוזאָגן.

פאַרזאָרגטע, פאַרהאָרוועטע, אָפּגעריסענע פון זייערע היימען, פון די נאָנטסטע, אין די מערסטע פאַלן, אפילו אַן באַלדיקע אויסזיכטן די נאָנטסטע צו האָבן לעבן זיך, האָט זייער הונגער נאָך אַ לעבעדיק וואָרט, מיך גאָר גערירט.

שמחת תורה האָבן זיי זיך צענויפגעקליבן אין א שטיבל, ביי א היימישער פאַמיליע און געפּראַוועט זיך א יום־טוב. זיי האָבן מיך איינ־געלאַדן. איינער נאָך איינעם האָבן זיי זיך באַקלאָגט אויף דער שטומקייט צו וועלכע זיי זענען געצוואונגען.

זאָגט צו מיר איינער:

שטעלט זיך פאָר. אָט בין איך א קלאַסן-באַוואוסטער ארבעטער. געלייענט איינדרהיים יעדן טאָג א צייטונג. געוואוסט פון די קאַמפן, וואָס דער ארבעטער קלאַס פירט אָן איבער דער וועלט, אַליין אָנטייל גענומען אין די קאַמפן. איצט בין איך פשוט בלינד! די העברעאישע פרעסע קאָן איך נישט לייענען, מוז איך זיך באַנוגענען מיט א וואַרשעווער צייַ־טונג, וואָס קומט אָן א וואָך אָדער 10 טעג שפּעטער. איז דאָס א לעבן?

און אָט־אַזוי איינער נאָך איינעם! יידישע שניידער ארבעטער, שוס־טער, בוי-ארבעטער, היימישע קעמפער, זענען דאָ פאַראורטיילט צו זיין גע־ליימט. געליימט אַף דער צונג, במילא — געליימט אין גייסט!

איינער פון די אָנוועזענע האָט אפילו געזוכט צו פאַרטיידיקן די העב־רעאיסטישע פּאָליטיק. האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אַז אפילו ער איז שטום — כאָטש ער געפינט זיך איבער 8 יאָר אין לאַנד. אויך ער קאָן נאָך נישט קיין העברעאיש. און איידער שלעכט רעדן העברעאיש אַף זיינע פאַך־פאַרזאַמלונגען, שווייגט ער בעסער!

שטעלט אייך פאָר, חשוב'ע פאַרזאַמלטע, וואָס דאָס מיינט נעמען צענד־ליקער טויזנטער באַוואוסטזיניקע, קעמפערישע מענטשן און זיי פאַראור־טיילן צו בלינדקייט און שטומקייט! ווען דאָס געשעט אַזוי מיט אונדזערע געקומענע אימיגראַנטן דאָ, אין אַמעריקע, וואָס וואָלטן מיר געזאָגט? וואָלטן מיר געשוויגן? וואָלטן מיר זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס די אונ־טערדריקער וואָלטן געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט זיך צו מישן? מיר האָבן יאָ רעכט! און נישט נאָר רעכט, נאָר עס איז אונדזער פליכט צו פּראָטעסטירן און קעמפן מיט אַלע כחות פאַר די רעכט פון די צענד־ליקער טויזנטער פאַראורטיילטע! מיר האָבן אויך רעכט ווייל זיי, די העברע־איסטן, דערציען דעם יונגן דור זיך צו באַציען מיט פאַראַכטונג, מיט בטול צו אונדזער שפּראַך, צו אונדזער קולטור, צו אונדזער גאַנץ לעבן איבער דער גאַנצער וועלט! עס איז אונדזער חוב צו פאָדערן דרך ארץ, רעס־פּעקט צו אונדזער שפּראַך און קולטור!

די ציוניסטן זענען מקריב אונדזער גאַנצן היינט, אונדזער גאַנץ פאָלקס־לעבן פאַר זייער העברעאיש. און זיי באַנוצן זיך דווקא מיט די ערגסטע מעטאָדן פון היטלער'ס פאַשיזם, אפילו אין אַנטיסעמיטישן פוילן, איז אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן. דאָס, וואָס די העברעאיסטן טוען אין פּאַלעסטינע איז פינצטערניש, רעאַקציע, און מיר מוזן און מיר וועלן קעגן דעם קעמפן!

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

דער פאַרראַט פון מיינע אַלטע חברים

מיינע ליבע פאַרזאַמלטע, פריינט, חברים:

אין די אַנאָנסן און צייטונגס־נאָטיצן וועגן דער היינטיקער פאַרזאַמלונג, איז, צוליב דער פאָרם, — די פאָרם פון אַ משפט, — מיין נאָמען געווען אַנגעגעבן און באַצייכנט אַלס „עקספּערט". וואָס־זשע פאַר אַן „עקספּערט" בין איך אין אָט־דער פראַגע וועגן „יידיש אין ארץ־ישראל"?

איך בין אין ארץ־ישראל ניט געווען, איך האָב אַליין ניט געזען די אַלע זאַכן, וואָס די „עדות" היינט האָבן שוין און וועלן נאָך איבערגעבן. אין וואָס־זשע באַשטייט מיין אַזוי־גערופענע „עקספּערטיזע"?

אָט אין וואָס, מיינע ליבע פריינט: איך בין יאָרן־לאַנג אַליין געווען אַ פּועלי־ציון, האָב 10 יאָר צייט באַלאַנגט צו דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי, צו די, וואָס ווערן איצט באַצייכנט אַלס די „רעכטע פּועלי־ציון", צו די, וואָס זיי האָבן פּאַקטיש פון זיך אַרויסגעגעבן די איצטיקע פירער פון דער ארץ־ישראל־דיקער „הסתדרות", אַרויסגעגעבן אויך די איצטיקע „שלוחים", וואָס קומען איצט אָפּט אַהער, און אַנדערשוואו, פאַר די „דראַיווס", קאַמפּיינס" און אַרבעטער־פאָנדן.

אין דער צייט וואָס איך האָב באַלאַנגט צו די פּועלי־ציוניסטן בין איך געווען גאַנץ טעטיק, בין געווען אַ צייט לאַנג דער הויפּט־סעקרעטאַר פון דער פּועלי־ציון־יוגנט־באַוועגונג, בין געווען איינער פון די ערשטע לערער (נאָך אין יאָר 1915) און גרינדער פון די פּועלי־ציוניסטישע יידישע פאָלקס־שולן, בין געווען געהילף־רעדאַקטאָר (אַ שטיק צייט) פון „אידישן קעמפער", און דערנאָך רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דער טעגלעכער „צייט".

ווען איך שטיי דאָ היינט אויף דער פּלאַטפאָרמע צו רעדן וועגן „יידיש אין ארץ־ישראל", ווען איך קום דאָ מיט טענות, ווען איך קום מיט באַשולדיקונגען, קום איך הויפּטזעכלעך מיט מיינע רייד צו די אַרבעטער, צו די פּועלי־ציוניסטן, צו די וואָס זעגלען אונטער דער פאָן פון סאָציאַליזם.

איך ווייס וואָס די פּועלי־ציוניסטן האָבן פאַרשפּראָכן, און איך ווייס ווי זיי האָבן פאַרראַטן זייערע אייגענע פאַרשפּרעכונגען. איך זאָג „פאַרראַטן", ווייל קיין אַנדער „סאַבסטיטוט"־וואָרט טאָר אַהער ניט אַריינגעשמועלט ווערן. דאָס איז: פ א ר ר א ט!

זיי האָבן עפּעס צוגעזאָגט און זייער צוזאָג ניט געהאַלטן, זיי טוען איצט פּאַקטיש פּונקט קאַפּויער פון דעם, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט.

מיינע רייד און טענות גייען דעריבער נאָר צו זיי, און צו אייך, פּועלי־ציוניסטן, וועלכע געפינען זיך דאָ היינט צווישן עולם ביי דער ריזיקער פאַרזאַמלונג. אָט זע איך אין פאַרשידענע ווינקלעך אַלטע חברים, אָט זע איך חברים, וואָס אין לויף פון די יאָרן זענען זיי שוין גראָ געוואָרן,

אָט זע איך חברים, וואָס אין לויף פון די יאָרן זענען זיי שוין גראָ געוואָרן,

אַט זע איך פּנים׳ער באַקאַנטע, אידעאַליסטן. וואָס אַמאָל בין איך מיט זיי צוזאַמען געגאַנגען.

איך פרעג ביי אייך:

פאַרוואָס האַלט איר ניט אייערע אייגענע פאַרשפּרעכונגען?

איך, אין מיין איצטיקן קוק אַפן יידישן לעבן, און אַף דעם גאַנג פון דעם וועלט-סאָציאַליזם, האָב, קען זיין, אַנדערע אויסקוקן, און אַנדערע האָפענונגען. איך האָב צו ארץ-ישראל און צו דער קולטור אין ארץ־ישראל מאַקסימאַלע פאָדערונגען פאַר יידיש! אָבער מיינע מיינונגען היינט, ביי א „משפט“ וויל איך ניט אריינברענגען, ווייל איך קען אייך און די הסתדרות׳ניקעס ניט „משפט׳ן“ פאַרוואָס זיי האַלטן ניט מיט מיר! איך קען אייך, און זיי, אָבער יע משפט׳ן פאַרוואָס איר האָט פאַרראַטן, פאַר־וואָס איר האָט ניט אויסגעפירט און ניט פאַרווירקלעכט אייערע אייגענע פאַרשפּרעכונגען, וואָס איר האָט אַף פריערדיקע קאָנווענשאַנס געגעבן וועגן יידיש אין ארץ־ישראל!

איך קען קיין טענות ניט האָבן צו די אַלטע משכילים־ציוניסטן. פאַר זיי איז יידיש אַלעמאָל געווען א „שפחה“, וואָס מען דאַרף זיך מיט איר בלויז באַנוצן. . . .

איך וויל אויך מיין „משפט“ ניט ריכטן צו די קלויזנערס און צו די אוסישקינס, וואָס האָבן שטענדיק אַסימילאַטאָריש־חוצפה׳דיק גערעדט, אַז יידיש מוז פאַרטיליקט און געשענדט ווערן!

אָבער מיין טענה און מיין משפט גייט צו די רעכטע פועלי־ציון, צו דער הסתדרות! זיי האָבן מיר, און טויזנטער אַנדערע עטוואָס פאַרשפּראָכן און אונדז אַלעמען דאָ מיאוס אָפּגענאַרט!

און אַט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, און אַט צו וועלכן פונקט איך ציל מיינע רייד:

אין יאָר 1921 (צי אין 1920), אין יאָר 1917, און אין אַנדערע יאָרן, האָבן די אַמעריקאַנער רעכטע פועלי־ציון ביי קאָנפערענצן אין פילאַדעלפיע, אין קליוולאַנד, אין באָסטאָן (און ספּעציעל טאַקע אַף דעם צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע) וועגן דער שפּראַכן־פראַגע אָנגענומען אַזא רעזאָלוציע און געגעבן אַזא צוזאָג דער עפנטלעכקייט:

אין אַלע לענדער, אין גלות, — איז יידיש די שפּראַך פון די מאַסן, די שפּראַך פון דער פועלי־ציוניסטישער פאָלקס־שול, און העברעאיש, ווי א לימוד פון די ערשטע קלאַסן אָן.

ארץ־ישראל, — און איך בעט אייך אַלעמען, ליבע פאַרזאַמלטע, הערט זיך איין אין אַט־דעם פונקט! — וועגן ארץ־ישראל איז יאָרנלאַנג געווען דער באַשלוס אַזוי: „העברעאיש די שפּראַך פון לאַנד, די שפּראַך פון די שולן, און יידיש ווי א לערן־שפּראַך אין אַלע שולן (ספּעציעל אין די שולן פון דער הסתדרות), און רעכט פאַר יידיש אין אַלע קהל׳שע און רעגירונגס־אַנשטאַלטן.!“

פרעג איך: האָט מען געגעבן אַט־דעם פאַרשפּרעכן, אָדער ניט?

געווים יע! אלע פועלי־ציוניסטן ווייסן און געדענקן דורך יאָרן אָט־די שטעלונג.

איך פרעג ווייטער:

האָט מען געהאַלטן דעם צוזאָג?

ניין! מען האָט עס ניט געהאַלטן! מען האָט געליגנערט, מען האָט גענאַרט, מען האָט פאַרראַטן די אייגענע רייד!

איך פרעג:

וואו איז „יידיש" אין די שולן פון דער הסתדרות? לערנט מען יידיש מיט די קינדער? בינדט מען זיי צו צו אונדזער קולטור? ציט מען א המשך פון אונדזער איצטיקן קולטור־לעבן?

איך פרעג: וואו איז דער קאַמף פון דער הסתדרות פאַר די רעכט פון יידיש אין קהל'שע אַנשטאַלטן, וואו איז זייער איינשטעלן זיך פאַר דעם כבוד פון יידיש, די שפּראַך פון אונדזערע מאַסן, די שפּראַך פון אונדזערע שעפער, די שפּראַך פון אונדזערע קעמפער אין פאַרלויף פון יאָרהונ־דערטער!?

אויב איר ווילט איז די היינטיקע פאַרזאַמלונג דאָ, לויט דער היינטי־קער פּראָגראַם — בלויז א מין רוף און פאָדערונג, אז די פועלי־ציוניסטן זאָלן כאָטש היטן און דערפילן זייערע אייגענע פאַרשפּרעכונגען!

איך, און מיר אלע, משפּט'ן די הסתדרות'ניקעס פאַר ברעכן זייערע צוזאָגונגען, זייערע פאַרשפּרעכונגען! ווער קען וואגן זאָגן, אז מיר זענען אומגערעכט אין דעם?! אָט־די איצטיקע צוקערמאַנס, גאָלדע מייערסאָנס און אַנדערע „שלוחים" זענען דאָך געוועזענע טוער פון דער היגער פועלי־ציוניסטישער באַוועגונג.

און ניט נאָר דאָ, אין אַמעריקע, האָט מען אָנגענומען די פריער־דערמאָנטע רעזאָלוציעס וועגן דער שפּראַכן־פראַגע. ענלעכע רעזאָלוציעס האָט מען אָנגענומען אין וואַרשע, אין מינסק, אין בוענאָס־איירעס, — אומעטום! ווייל די פועלי־ציון האָבן דאָך בסדר געזעגלט אונטער דער פאָן פון פאָלקיזם, פון דעמאָקראַטיזם, פון ליבע צו יידישע שעפער, און ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור!

די דאָזיקע שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע איז דאָך פאַקטיש געווען די שטעלונג פון דעם פועלי ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד. דאָס איז דאָך געווען זייער סינטעז, זייער פאַרבינדונג, דאָס איז דאָך געווען דער גייסט פון דער באַוועגונג, דאָס איז דאָך געווען די „פשרה" צווישן די פאַרשידענע עלעמענטן אין דער פועלי־ציוניסטישער באַוועגונג.

וואָס איז פון דעם געוואָרן? איך טראַכט פון באַקאַנטע נעמען, פריער פון די פועלי־ציון, איך זע פאַר זיך זייערע פנים'ער, זייערע אויגן, און איך פרעג זיי: פאַרוואָס טוט איר עס? פאַרוואָס פאַרראַט איר זיך אליין און אונדז אלעמען? איך דערמאָן זיך: איינער פון זיי, בערל לאָקער, האָט יאָרלאַנג גע'שמ'ט פאַר יידישקייט אין דער פועלי־ציוניסטישער פאַרטיי. ער איז דאָך מיט א יאָר 14 צוריק געקומען קיין אַמעריקע צו

קעמפן פאר דער דעמאקראטישקייט און פאלקיש־סאציאליסטישקייט פון דער באוועגונג און פאר דער „יידיש"־קייט פון דער באוועגונג. „יידיש"־קייט מיין איך דא: פאר דער ערלעכער באציאונג צו יידיש, צו דער יידישער שפראך.

און איצט?

אויך ער, ווי אלע אנדערע האבן גענארט, האבן ניט געהאלטן זייער צוזאג!

מען האט אנגענומען רעזאלוציעס.

אבער די רעזאלוציעס האט מען מיאוס געבראכן! און אז מען זאגט זיי דאס, ווערן זיי נאך אין כעס!

קאמיש און אין דערזעלביקער צייט זייער טראגיש!

איך האב געפרעגט: וואו איז דער קאמף פון דער הסתדרות פאר דער פארווירקלעכונג פון די דעמאקראטיש־פאלקישע רעזאלוציעס וועגן יידיש, וואו איז, למשל, צוקערמאנס איינשטעלן זיך פאר דעם!?

ניין, אזא מין קאמף פון דער הסתדרות קען קיינער ניט באווייזן. ער איז ניטא! אבער מען קען, פארקערט, באווייזן, אז די זעלבע פועלי־ציוניסטן זענען דירעקטע מיטשולדיקער אין דער בגידה קעגן יידיש, אז זיי זענען דירעקטע מיטשולדיקער אין דער שאנד, וואס ווערט געווארפן אף דער „שפחה", אז זיי זענען דירעקטע גייסטיקע פארבינדעטע מיט אט יענעם כלומרשט נאציאנאל־באפרייענדיקן, אבער אין תוך העכסט רעאקציאנערן גאנג פון די אוסישקינס, און נאך ערגער: פון די זשאבאטינקים. יע, „זשאבאטינסקיזם" דארף מען ניט זוכן נאר ביי די רעוויזיאניסטן. גרויסע טיילן פון „זשאבאטינסקיזם" קען מען אויך גרינג געפינען ביי די אזוי־גערופענע סאציאליסטישע הסתדרות'ניקעס! אויך ביי זיי הערט זיך שטארק דער ריח פון איבערטריבענעם נאציאנאליזם, שאוויניזם און פאשיזם. זייער שטעלונג צו יידיש, זייער פארראט פון זייער אייגענעם צוזאג, איז א גוטער עדות אף דעם.

די שאנד וואס ווערט אין תל־אביב געווארפן אף יידיש אין עפנטלעכן קולטור־לעבן, די פארפאלגונג פון יידיש, די אויסווארצלונג פון יידיש אין די שולן און אין דער פסיכיק פון יונגן דור, — דאס אלץ בלייבט ניט נאר אין די גרעניצן פון פאלעסטינע. דאס גייט און גרייכט אין קאווגע, אין ווילנע, אין בוענאס־איירעס, אין ווארשע, אין ניו־יארק. שטעקן ארויס די קעפ אט־די אלע רעוואלוציאנערן, די אלע אפגעריסענע פון דעם לעבן פון דער יידישער מאסע, און עס גיסט זיך שנאה און גיפט קעגן יידיש! און פארוואס ניט? מען לערנט זיך פון ארץ־ישראל. „כי מציון תצא" — פון ציון קומט דאס אלץ.

איך בין אוועק פון די פועלי־ציון אזוי שנעל ווי איך האב גענומען באמערקן, אז זיי ברעכן זייער צוזאג. דאס איז געווען אין יאר 1923. איך האב באמערקט, אז עס שטארקט זיך ביי די פועלי־ציון א גייסט פון רעאקציאנערן נאציאנאליזם, וואס פוצט זיך בלויז אין די פעדערן פון

„סאָציאַליזם“. אָט דער גייסט האָט זיך נאָכמער געשטאַרקט דערנאָך דורך דער פאַראייניקונג מיט די צעירי־ציון.

און עס זענען געווען צייטן, ווען מען האָט געמיינט: אָט־אָט און עס שטייט אויף אַ פאָלקיש־סאָציאַליסטישע פאַרטיי! איין טייל פון די יידישע סאָציאַליסטן — צו אַסימילאַטאָריש־קאָסמאָפּאָליטיש! אַנדערע — צו העברעאיסטיש. איין טייל פון די ציוניסטן — אָרטאָדאָקסיש, אַן אַנדער טייל: פרעמד־צדקה'דיק, אַ מין צדקה'דיקער רעליף־ציוניזם. האָט זיך געדוכט — אָט, און די פועלי־ציון זענען די וואָס רייסן זיך צו סינטעז.

און אָט אַ דאַנק אָט־דער אָפּדוכטעניש זענען יאָרנלאַנג דאָ אין אַמע־ריקע אַ סך יידישע שרייבער נאָענט געשטאַנען און נאָענט געווען צו פועלי־ציון. אַ דאַנק דעם האָט מען זיך באַטייליקט אין דער טעגלעכער „צייט“, אין „אידישן קעמפער“ און אָט אַ דאַנק דעם פלעגט מען מאַסנווייז קומען צו די אַלע אונטערנעמונגען פון די פועלי־ציון. אַ דאַנק דעם האָט מען די פועלי־ציון אויך געהאָלפן צו באַקומען די שטיצע פון די יידישע יוניאָנס. און אַזוי ווייטער. יעדער האָט געהאָלפן אַף זיין אופן.

אָבער די פועלי־ציון האָבן זייער צוזאָג פאַרראַטן, זיי האָבן זייער צוזאָג פאַרניכטעט, זיי שטייען פאַקטיש פאַר מיר ווי די אמת'ע שולדיקע אין דער שענדלעכער באַציאונג צו יידיש, צו דער יידישער ליטעראַטור און יידישער קולטור אין ארץ־ישראל.

קאָלעגע פרץ הירשביין האָט דאָ איבערגעגעבן זיינעם אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך וועגן דעם מיט ח. נ. ביאַליק. דערזעלבער דיכטער פון „צער און צאָרן“, האָט אַמאָל גערעדט וועגן דעם, וואָס יידן האָבן שוין געהאַט 17 „לשונות“. איז דערביי ווערט צו אונטערשטרייכן אַז צו תרגום האָט מען אָבער שוין אַרויסגעוויזן מער פאַרשטענדעניש און אַכט ווי צו יידיש! תרגום איז היסטאָריש אַריינגעוואַקסן אין העברעאיש!

אָבער זעט מיט וואָס פאַר אַ ביטול און שנאה מען באַציט זיך צו יידיש? געוויס, מען וועט לאָזן רעדן יידיש אין ארץ־ישראל דעם יעניקן, וואָס אַף יידיש גופא וועט ער פאָדערן די פאַרטיליקונג פון יידיש. אָדער דעם יעניקן, וואָס קומט מיט חניפה־רייד צום העברעאיזם, אָדער דעם יעניקן, וואָס וויים אַז ס'איז פּאָליטיש און קאַריעריסטיש, אַמאָל ליטעראַ־ריש־קאַריעריסטיש, בעסער זיך אינגאַנצן ניט צו מישן אין דעם. אָבער דער, וואָס וויל פאָדערן רעכט פאַר יידיש, דער וואָס קומט מיט טענות — דער ווערט פאַרפאָלגט פונקט אַזוי ווי יידיש ווערט פאַרפאָלגט!

מאָדנע, מאָדנע! אָט וועט אייך זאָגן אַ העברעאיסט, אָדער הסתדרות־ניק (ווי חיים גרינבערג, בן גוריון) אַזוי צו זאָגן: יידיש גייט דאָך סיי־ווי אונטער, יידיש איז דאָך זייער שוואַך, צו וואָס דאָס לערנען, צו וואָס דאָס אַריינברענגען אין ארץ־ישראל?! ס'איז דאָך אַן אונטערגעגאַנגענע זאַך!

און אין דעם זעלביקן מאָמענט וועלן אַזוינע זאָגן:

— ניין, יידיש איז אַ שטער צו העברעאיש. יידיש טאָר דעריבער

ווי א געפערלעכע קאָנקורענטקע ניט אַריינגעלאָזן ווערן.

זעט נאָר דעם קאָמיזם: אַט איז יידיש שוואַך, און אַט איז עס אַזוי שטאַרק, אַז אַלע תימנ'ער און אַלע ספרדים און אַלע אַנדערע, און אַלע איצטיקע יידישע דייטשן אין פּאַלעסטינע, וועלן גלייך פאַרכאַפּט ווערן פון יידיש, וועלן גלייך זיך אָננעמען מיט יידיש, און נאָר מיט יידיש.

— ווי נאָר יידיש וועט בלויז באַקומען עפנטלעכע רעכט אין לאַנד!

דער אמת איז: יידיש איז שוואַך און יידיש איז שטאַרק! עס דראָעט אַרום און אַרום אַסימילאַציע, גלייכגילט, הפקר!

די באַציאונג אין ארץ־ישראל צו יידיש פאַרגרעסערט די שוועריקייטן וואָס מיר האָבן דאָ אין אונדזער קאַמף אומעטום פאַר די עפנטלעכע רע־גירונגס־רעכט פון אונדזער קולטור.

אָבער יידיש איז אויך שטאַרק. יידיש איז שעפעריש. נייע און נייע גרויסע שעפערישע כוחות וואַקסן אַרויס פון יידיש. ניט־ווילנדיק מוז ארץ־ישראל אָנקומען צו אָט־די כוחות! יידיש האָט מאַסע, יידיש האָט ווילן צום לעבן! נייע האָריזאָנטן עפענען זיך פאַר יידיש! יידיש מיינט: המשך און גאַנצקייט פון אונדזער פאָלקס־לעבן.

און אָט אין נאָמען פון דעם אַלעמען, אין נאָמען פון לעבן וואָס לעבט און וויל לעבן, אין נאָמען פון דעם, וואָס האָט אַ רעכט אויף צו לעבן, קומען מיר און זאָגן:

— רעכט פאַר יידיש אין ארץ־ישראל!

אין נאָמען פון לעבן, און ניט אין נאָמען פון „אונטערגאַנג" שטיי איך דאָ איצט און פאָדער ביי די פּועלי־ציון:

פירט כאָטש אויס אייער אייגענעם צוזאָג! האַלט אייער פאַרשפּרעכן!

וואָס טויגן דאָ טענות און דיסקוסיעס, וואָס טויגן דאָ אַפּלייקענונגען, אַרויסצודרייען־זיך — אַלע ווייסן דאָך די באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך אין ארץ־ישראל! אפילו פּועלי־ציוניסטישע פירער, ווי דוד פּינסקי, יואל ענטין, און פיל אַנדערע, ווייסן עס גאַנץ גוט, און זיי פּראָטעסטירן קעגן דעם אָפן.

ס'איז דאָך אַ קלאָרע און אָפענע זאַך! צו וואָס נאָך איצט, פירער פון הסתדרות, מאַכן דעם אָנשטעל, אַז: „וואָס? ווער! ? ווער פאַרפאָלגט? ווער טשעפּעט!"

צו וואָס נאָך איצט די אַלע פּשוט'ע פרומקייטן?

און די ביי וועמען דאָס געוויסן פלאַגט נאָך וועגן דעם, די ביי די פּועלי־ציון, וואָס פילן שטיל ביי זיך, אַז דאָ ווערט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן און פאַרראַט, זיי טרייסטן זיך און פאַרענטפערן זיך: „דאָס איז בלויז פאַר דעם ערשטן און צווייטן דור, ביז העברעאיש וועט גוט איינגעפונדע־וועט ווערן אין ארץ־ישראל".

ערשטער און צווייטער דור! אָבער צי ווייסט איר נישט, צי פאַר־שטייען זיי נישט, אַז צען דורות, מער נאָך, דאַרף נעמען אַרויסצוריסן דאָס, וואָס עס איז אַריין אין איין דור! דאָ אין אַמעריקע האָבן מיר

נאָך היינט גרויסע צרות מיט אונדזער קולטור־לעבן, צוליב דעם וואָס אַ צוויי יונגע דורות זענען פאַרנאַכלעסיקט און אָנגעפילט געוואָרן מיט אַסימילאַציע און פרעמדקייט צו אונדזער פאָלקס־לעבן, צו אונדזער קולטור!

מיר פאָדערן דעריבער: טרעט אַרויף אַף דעם וועג פון קלאָרקייט, טרעט אַרויף אַף דעם וועג פון אמת, טרעט אַרויף אַף דעם וועג פון גאַנצ־קייט, פאַרשטענדעניש און אמת'ן סאָציאַליזם.

מיין לעצט וואָרט:

— וואָס איז, פרעג איך, געוואָרן פון דער שפּראַכן־רעזאָלוציע פון באָסטאָן, קליוולאַנד, פילאַדעלפיע? וואָס איז פון דעם געוואָרן? וואָס איז געוואָרן פון דעם צוזאָג: „יידיש ווי אַ לערן־שפּראַך אין די שולן פון ארץ־ישראל און רעכט פאַר יידיש אין די עפנטלעכע אינסטיטוציעס"?

וואָס איז פון דעם געוואָרן?

דר. יעקב שאַצקי

ביטול צו יידיש קומט פון דער אינטעליגענץ

מיין שטעלונג צום ציוניזם איז באַקאַנט. מיין רייזע קיין פאַלעסטינע האָט מיין שטעלונג נישט געביטן. די באַציאונג צו יידיש מצד די אָנפירנ־דיקע אינסטאַנצן איז פול מיט ביטול. דאָס פאָלק רעדט יידיש און זייער ווייניק מענטשן פאַרשטייען העברעאיש. העברעאיש איז דאָרטן אַן אַרויפגעצוואונגענע שפּראַך. אַ מין דיקטאַטור פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט פאַרכאַפּט די וויכטיקסטע פּאָזיציעס און וויל קאָנטראָלירן דאָס לעבן. מען באַרופט זיך, אַז אַרבעטער זענען אויך העברעער. עס איז אָבער נישט ריכטיק. דאָס זענען דוקא טיפּישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך צוליב אידעאַליזם, אָדער אומשטענדן פאַרוואַנדלט אין אַרבעטער.

הגם מען רעדט אומעטום יידיש, און אפילו מיט אַראַבישע פעדלער קענט איר זיך אַביסל צונויפרעדן אַף יידיש — איז אָבער יידיש אין חרם.

אין העברעאישן טעאַטער שפּילט מען טאַקע יידישע פּיעסן פון לייוויק, הירשביין און אַנדערע. אָבער אַף די פּלאַקאַטן ווערט נישט דערמאָנט פון וואָס פאַר אַ שפּראַך מען האָט זיי איבערגעזעצט.

איך האָב געזען די „גרינע פעלדער" פון הירשביין. מילא, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט, אַז ישוב'ניקעס זאָלן רעדן העברעאיש, דאָס איז אַן ענין פאַר זיך. אָבער אין טעאַטער איז געווען אַן עולם, וואָס האָט פשוט נישט פאַרשטאַנען די שפּראַך. מען האָט נישט געלאַכט, וואו מען האָט באַדאַרפט לאַכן. מיין מוטער, וואָס וואוינט שוין 15 יאָר אין תל־אביב, האָט אויך נישט פאַרשטאַנען. דער עולם האָט זיך געמוטשעט, ווייל עס איז אים געווען אומפאַרשטענדלעך.

וועט איר פרעגן: פאַרוואָס גייט מען? איז ערשטנס, שלעפּן די פּראָפעסיאָנעלע העברעער זייערע פריינט אהין און צווייטנס — מען מוז דאָך ערגעץ גיין.

אין ירושלים האָב איך געזען דעם „גולמ׳ס חלום" פון לייוויק׳ן. אַ שווערע דראַמע, וואָס פאָדערט נאָך מער פאַרשטענדעניש פון העברעאיש, ווי הירשביינ׳ס קאָמעדיע. זאָג איך צו דער פאַרוואַלטונג פון דער הבימה: פאַר אַזאַ פּיעסע וואָלט איר געמוזט אַרויסגעבן אַ קיצור אין אַ שפּראַך, וואָס אַלע פאַרשטייען, ווי מען טוט עס מיט אַ ליברעטאָ אין אַן אָפּערע.

— אוודאי, — ענטפערט מען מיר, — עס איז שוין געטאָן געוואָרן.

און ער גיט מיר אַ קיצור (סינאָפּסיס) אויף ענגליש, וואָס זייער ווייניק מענטשן פאַרשטייען.

נאָר ניט אידיש!

אין פּאַלעסטינע גייען אַרויס אויף יידיש ביכער פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, ווי „די אַרבעטנדיקע פרוי אין ארץ־ישראל", א. א. מען קען זיי אָבער דאָרטן ניט באַקומען, ווייל מען טאָר ניט. איך האָב פאַר מיין מוטער גע־מוזט אַרויסשיקן אַזאַ בוך פון... ניו־יאָרק. אין ביבליאָטעקן, אַז איר קומט אַריין נאָך אַ יידיש בוך, רעדט מען אייך איין, אַז מען דאַרף לייענען „רק עברית". איך בין געווען אין תל־אביב אין אַ פּריוואַטער ליי־ביבליאָטעק מיט מיינער אַ פּלימעניצע, וואָס איז ניט לאַנג געקומען פון פּוילן. דאָס קינד איז אַלט 9 יאָר און איר מאַמע איז פאַראינטערעסירט, אַז זי זאָל ניט פאַרגעסן יידיש. איר האָט באַדאַרפט זען, ווי דער ביבליאָטעקער האָט אָפּגערעדט דאָס קינד פון לייענען „זרגון" — אַזוי ווי אַ מיסיאָנער, וואָס רעדט עמיצן צו צום שמד.

אויסגעהונגערט נאָך אַ יידיש וואָרט, נוצן אויס די יידישע מאַסן אין פּאַלעסטינע יעדע געלעגנהייט, כדי קענען הערן יידיש. איך האָב געזען ביי־נאַכט אויף אַלענבי־גאַס אין תל־אביב אַ סך מענטשן שטייען צוזאַמענגע־דריקט לעבן אַ קאַפע־הויז, וואו דער פּיפּיקער בעל־הבית האָט אָנגעשטעלט אַ יידישן רעקאָרד אויף אַ גראַמאָפאָן.

יידן גייען זען דייטשע מאָוויס, ווייל זיי פאַרשטייען בעסער. קומט אויס, אַז די יידן דאַרפן שטיצן די דייטשע פילם־אינדוסטריע. קיין יידישע „טאָקי" וועט מען אין פּאַלעסטינע ניט ווייזן. מיר געדענקען נאָך דעם סקאַנדאַל מיט דער „יידישער מאַמע". אַלע פּלאַקאַטן מעגן זיין אויף אַלע שפּראַכן, נאָר ניט יידיש. דאָס האָב איך זיך איבערצייגט, מיט מיין רע־פעראַט אין תל־אביב.

דער דאָזיקער רעפעראַט איז פאָרגעקומען ביי פאַרמאַכטע טירן. אויף „איינלאַדונגען", כדי פרעמדע מענטשן זאָלן ניט קומען און מאַכן סקאַנ־דאַלן. דאָך איז געווען קנאַפּע 600 מענטשן. בכלל יידישע לעקציעס וואָלטן געקענט ציען אַ גרויסן עולם און אַ יידישע צייטונג וואָלט זיכער פאַרשטופּט אין אַ ווינקל אַלע העברעאישע צייטונגען, אפילו דער מפּאַישו „דבר", וואָס מאַכט אַן אָנשטעל פון סאָציאַליזם.

דרייסיק

ווי מען האָט פיינט יידיש קען אילוסטרירן דער פאַקט, אַז אפילו באַצאָלטע נאָטיצן וועגן יידישע לעקציעס וועט די העברעאישע פרעסע ניט נעמען.

די גאַנצע אַטמאָספערע איז אַזאַ עקלהאַפטע, אַז איך בין פערזענלעך געווען צופרידן, וואָס איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט אַ קורצע צייט.

ווען איר קומט זיך צונויף מיט אַ פּראָפעסאָר, אַ גרויסן געלערנטן און אַ גאַליציאַנער, דאָס הייסט, אַזאַ איינעם, וואָס אויב ער קען עפּעס אַ שפּראַך גוט, איז עס נוקא יידיש — און ער גיט אייך אַ זאָג:

— ווי איך זע, זענט איר אַן אינטעליגענטער מענטש, פאַרוואָס־זשע שרייבט איר אין זשאַרגאָן?

אפילו אין דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר לערנען העברעאיש ווערן באַנוצט אַלע שפּראַכן, נאָר ניט יידיש. איך האָב געזען אַ פּלאַקאַט: „למד עברית" אין פויליש, דייטש, אַראַביש, ענגליש און איטאַליעניש. אָבער ניט אַף יידיש.

דר. א. קאָראַלניק

אַ רעדע וואָס איך האָב ניט געהאַלטן

ווען איך וואָלט געקומען צו אייער פאַרזאַמלונג, צו אייער „משפט", אָדער „פּראָטעסט", אָדער ווי מען זאָל עס ניט רופן — און ווען איך וואָלט באַקומען דאָס וואָרט, ווי איר האָט פון מיר דערוואַרט, ווייס איך ניט, מעגלעך אַז מיינע רייד וואָלטן געווען זייער קורצע.

איך וואָלט געזאָגט: דער גאַנצער ענין — דער קאַמף פאַר און אַרום יידיש אין ארץ־ישראל מאַכט אַף מיר אַ שווידערלעכן איינדרוק. עס איז כמעט אַ דאָסטאָיעווסקי־בילד. אין דעם הויז פון צרות; פון ליידן, אין דעם יידישן קליינעם שטיקל פּאַליש, וואו יידן דאַווענען צווישן זיך — אויך דאָרט קריגערייען, און רציחות, און פאַריסענע נעז — און פּראַגעס, פּראַגעס אָן אַ שיעור. יידיש־העברעאיש, די לינקע פועלי־ציון ווילן דווקא זיך לינקן אין דער יידישער שפּראַך, די קאָמוניסטן — צאַצקען זיך דווקא מיט העברעאיש, די „פּרומע" — די עקסטרעמע צווישן זיי — זענען אין אַ יידישלעכן טאַנץ — מיט די „אולטראַרעוואָלוציאָנערן" — אַזאַ מישמאַש איז באמת מעגלעך בלויז ביי אַזאַ אומראַציאָנאַלן פאָלק ווי יידן...

אָבער צו־וואָס רעדן אין השערות? עס איז ניט וויכטיק וואָס איך וואָלט געזאָגט, ווען איך וואָלט גערעדט. אָבער איצט, אין דער שטיל פון דעם קאַבינעט, מיט דער פעדער אין דער האַנט, ווייט פון מאַסן און דעם מיר־אַזוי פיינלעכן טומל פון פאַרזאַמלונגען און רעדעס, — איצט וויל איך זאָגן אַ פּאָר רואיקערע, באַטראַכטערע ווערטער. איך ווייס, סע איז נוצלאָז. דאָרט וואו עס מישן זיך אַריין ליידנשאַפט און עקשנות, העלפן

רואיקע, אַרגומענטאַטיווע ווערטער זייער ווייניק. אָבער אויב מען קאָן אפילו ניט העלפֿן — דער דיאַגנאָז אַליין איז שוין אויך גענוג. אַלעני־פֿאַלס איז עס אַ חוב.

נאָך קיינמאָל האָט זיך ניט אַרויסגעוויזן דער אומהיסטאָרישער יידי־שער וועלטבליק ווי גראָד אין דער שפּראַך־פֿראַגע. היסטאָריש מיינט — אָנערקענונג פֿון דעם געוואָרענעם. היסטאָריש באַטייט — ניט אָפּברעכן די ליניע, נאָר זי ווייטער פֿירן.

יידן אָבער האָבן פֿאַרביטן דעם היסטאָרישן בליק מיט דער ריינער אַבסטראַקציע, דעם פֿאַקטישן, ממשות׳דיקן זיין — מיט דעם ווילן.

סע איז אייגנטלעך גאָרניט קיין פֿראַגע פֿון שפּראַכן — פֿון וואָרט און שריפֿט. סע איז אַ פֿראַגע פֿון פֿאַקט און ווילן. יידיש איז — אַ פֿאַקט. העברעאיש איז — אַ ווילן. יידיש איז אַ פּראָזאַאישעווירקלעכקייט, העברעאיש — דער העראָאישער עפּאָס. און די יידן פֿון ארץ־ישראל, ריכטיקער — די פֿירער פֿון דעם נייעם ישוב, האָבן אויסגעקליבן דעם עפּאָס.

געוויס — עס איז ביי זיי אַ געוואַלדיקע שיינקייט, ווי אויך אַ פּאָלי־טישער זין אין דעם וואַל. שיין, ווי יעדע דראַמע פֿון ברעכן, ווי יעדע טראַגעדיע, ווייל דער אונטערגאַנג גרייט צו אַ נייעם אויפֿגאַנג. דער אונ־טערגאַנג פֿון אַ לעבנסשטייגער, פֿון אַ שפּראַך, פֿון אַ קולטור, וואָס איז מיט איר פֿאַרקניפּט. פּאָליטיש צוועקמעסיק, ווייל דער יידישער קיבוץ אין ארץ־ישראל נייטיקט זיך אין אַ צעמענט וואָס זאָל צונויפֿקיטעווען די לויזע טיילן פֿון דעם „קיבוץ" — און קיבוץ מיינט דאָך „זאַמלונג".

אָבער אַ חוץ דער דראַמאַטישער זייט, איז נאָך פֿאַראַן איין זייט — די עטישע. סע איז די פֿראַגע פֿון יושר צום מענטשן. איך רעד שוין ניט דערפֿון, וואָס צענדליקער טויזנטער מענטשן זענען אָן אַ שפּראַך, ווערן פֿאַראורטיילט צו לעבן ווי האַלב־שטומע. דאָס אַליין וואָלט אפשר ניט געווען אַזאַ אומגליק. דער גרעסערער אומרעכט גייט טיפֿער: ער באַ־רירט די גרויסע מאַסן פֿון יידן אין די לענדער פֿון דער גאַנצער וועלט, פֿון חוץ־לארץ, פֿאַר וועמען עס איז ניטאָ קיין אויסוועג ווי — אָדער יידיש, אָדער — שפּראַכלעכע אַסימילאַציע מיט אַלע קאָנסעקווענצן. און דאָס מיינט — אין אַ צייט, ווען סע האָט זיך געשאַפֿן אַ מעגלעכקייט — ווייל עס איז פֿאַראַן אַ נויטווענדיקייט צו שאַפֿן אַן אייגנ׳פּנים׳דיקע יידישע קולטור — ווערט זי פּאַראַליזירט דורך דער באַציִאונג פֿון ארץ־ישראל.

און ווייטער, — וואָלט דער קאַמף געווען בלויז אַן אידעאישער, אַ מין וועט־געלויף — פֿאַר דער „סערוויוועל אָוו דהי פֿיטעסט", וואָלט עס געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. אָבער די העברעאיש־פֿאַנאַטיקער פֿון ארץ־ישראל באַנוצן זיך מיט זייער פּאָליטישער, אָדער עקאָנאָמישער מאַכט, כּדי מיט כּוח אָפּצושניידן די וועגן פֿאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור.

און דאָס איז שוין באמת אַ מאָראַלישע טראַגעדיע. ניט בלויז ווערט שפּראַך געמאַכט פֿאַר אַ זעלבסט־ציל און פֿאַר אַ קולטור־אָביעקט, זי ווערט

אויך א מין צוגאנג צו דער „טייטנדיקער" אויפפאסונג פון דער געזעל־שאפט, און אויך א טראגעדיע פון דער יידישער קולטור. דוקא ווייל זי ווערט אזוי, — ווי זאָל איך זאָגן, — פארשעהמט, נעמען זיך פאר איר אָן גראָד די, וואָס האָבן די אייגנשאפטן, וואָס זענען אזוי שעדלעך פאר א קולטור.

די אמת'ע יידישע שרייבער און דענקער קאָנען ניט, און ווילן ניט, אריינוואַרפן זיך אין דעם קאמף. זיי ווילן ניט קיין דערנידעריקונג.

און דער פלאץ איז פריי געוואָרן פאר די וואָס האָבן אזא קליינע באַציאונג צו דעם גאנצן יידישן קולטור־פראָבלעם.

און אָט־דאָס איז דאָס „אומהיסטאָרישע" אין דעם גאנצן סכסוך. מען האָט זיך דערוויטערט — פון אַלע זייטן — פון דעם אייגנטלעכן יידישן וועג. — אָט־דאָס זענען די ווערטער, וואָס איך האָב צו זאָגן — פראַג־מענטאריש און אָן פארטיי־שטעלונג — אין דער שפראכן־פראגע, און זאָלן זיך די גייסטיקע פירער פון דעם ישוב באַטראַכטן. זאָלן זיי ניט מאכן קיין פראָבלעם און קיין טראַגעדיע פון א זייער פשוט'ן ענין. דער בעסטער וועג צו דער לייזונג פון דעם פראָבלעם איז — זי ניט לייזן, נאָר פרייהייט.

בנימין רעסלער

אַ ייד פון „זשאַרגאָנלאַנד"

פון די אָפיציעלע ציוניסטישע און עברית'ישטישע קרייזן הערט זיך אָפט די פראגע:

— וואָס האָט איר געטאָן פאר בנין־הארץ? וואָס האָט איר דאָרטן אריינגעלייגט, וואָס איר קומט אונדז זאָגן דעות, ווי אזוי מיר זאָלן זיך דאָרטן נוהג־זיין און מיט וואָס פאר א רעכט קעמפט איר פאַר און פארטיי־דיקט יידיש אין ארץ־ישראל?!

ענטפער: אויב אויפטאָן מיינט טרייבן בלויז פאָליטיק, פלאפלען וועגן גאולה און שיקן אַנדערע איינגעמען ס'לאַנד — איז מיין פערזענלעכע ליסטונג אין דעם פרט ווינציקער ווי נול!

אין די גאסן פון תל־אביב שטייען אָבער צענדליקער הייזער, און אין די הייזער זענען פאראַן שטיינערנע דילן (פון „באַלאַטעם"), וואָס איך האָב געלייגט מיט מיינע הענט. אין איינינקע דאָרפישע פונקטן זענען פאראַן גערטנער, וועלכע איך האָב געהאָלפן צעגראָבן און באפרייען פון פעלזיקן פאַנצער.

אָט בלויז דאָס און נישט מער גיט מיר א קליין ביסל רעכט צו רעדן וועגן דער שפראַך, אף וועלכער מען לאָזט אין מיין „אַלטער היים" נישט רעדן.

יאָ, מיין אַלטע היים" איז ארץ־ישראל. וואָרים ווען איך טראַכט, אז מען באַדאַרף באַזוכן מיין מוטער, שוועסטער, ברידער, שוועסטער־קינדער

און אפשר זיך פאראייניקן מיט זיי, איז עס נישט מער אין גאַליציע, נאָר — אין רעננה, אין תל־אביב און אין חיפה, וואו זיי אַלע לעבן און בויען ממש!

קיין ארץ־ישראל בין איך געקומען נישט מיט קיין ליטעראַרישן ספּאָדיק. אין יענער צייט האָב איך אַף מיין געוויסן געהאַט בלויז עטלעכע קליינע לידער. איך בין געקומען ווי אַ חלוץ.

ביז איך האָב נישט אַראָפּגעשטעלט אַ פוס „אַף דער אַלטער ערד", האָב איך נישט געוואוסט, צי דאַרף איך האָבן עפּעס אַזוינס ווי „באַציאונג" צו מיינע לשונות. איך האָב זיך דערצויגן אַףביידע שפּראַכן: יידיש און העברעאיש. צוויי אויגן אין קאָפּ. שטעכט מיר אויס איינס און — איר מאַכט מיך פאַר אַ ווייסטער קאַליקע!

מיינע „ברייטע" ליטעראַרישע באַקאַנטשאַפטן און פאַרבינדונגען אין ארץ־ישראל זענען אין די ערשטע „גרינע" טעג באַשטאַנען פון... איין־און־איינציקן דיכטער: אורי צבי גרינבערג, מיין חבר פון די „אַמאָליקע יונגע טעג" אין לעמבערג.

און אָט האָט אורי צבי, אין איין זוניקן טאָג אַף אַ זון־פאַרגאָסענער תל־אביב'ער גאַס, מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם באַוואוסטן העברעאישן שריפטשטעלער אשר בּאראַש. מר באַראַש האָט צו מיר גערעדט העברעאיש און איך האָב אים, גאַנץ נאַטירלעך, געענטפערט אַף העברעאיש. איך בין קיין ארץ־ישראל נישט געקומען קריגן דעם קריג פון שפּראַכן. איך האָב זיך געטראַכט, אַז אויב אַלע יידן קאָנען, קענען און רעדן טאַקע העברעאיש, איז מהיכי תיתא: וועל איך אויך רעדן ווי זיי...

רדיפות אַף יידיש, פּלאַנירטע אויסוואָרצלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור — באַרעכטיקט מיט אַן אידייאישן הינטערשלאַג פון „התנערות האומה", „גלייכשאַלטונג" און אַנדערע טיפע טעמים — דאָס האָב איך אין מיין שענסטן חלום נישט געחלומ'ט.

חוזק, בטול און אָפּגעפרעמדקייט צווישן יידישע יידן און עברים אין ארץ־ישראל? — אַזאַ ווילדער געדאַנק איז מיר, פאַר מיין עולה־זיין, אודאי און אודאי נישט געקומען אַפן זין.

אָבער אָט האָט מר באַראַש, שפּאַצירנדיק מיט מיר, מיך אַריינגעבעטן אין זיין הויז. וועלנדיק זען, צי ער געדענקט נאָך פּויליש, האָט באַראַש מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר אַף מיצקיעוויטש'עס שפּראַך און זאָגן שטיקער „פּאַן טאַדעאוש". און... פון פּויליש צו יידיש איז מער ווי אַ תחום־שבת?

בשעת מיר האָבן שוין געפירט אונדזער געשפּרעך אַף מאַמע־לשון, האָט זיך אין צימער באַוויזן חקי (יצחק) באַראַש, דעמאָלט־זעקס־יעריקער זון. צוהערנדיק זיך אַ ווייל צו אונדזער שמועס, טוט דער קליינער חקי פּלוצלונג אַ טייטל אַף מיר מיט אַ פינגער, פרעגנדיק כהאי לשנא: — אבא האדון הזה מזשרגוניה? (טאַטע, איז דער דאָזיקער הער פון זשאַרגאָנלאַנד?).

קלאָר ווי דער טאָג: ער, חקי, איז אַן עברי, רעדט עברית. איך ווידער,

דער גאַסט, רעדט זשאַרגאָן, געהער איך מסתמא צו יענעם משונה'דיקן שבט, וואָס לעבט ערגעץ אין זשאַרגאָנלאַנד. איז, וואָס פאַר א שייכות האָט חקי, דער עברי, מיט מיר?

האָט מיין פריינט באַראַש זיך פאַרשעמט? — הוא משיח לפי תומו — האָט באַראַש א שמייכל געטאָן.

משמע: „פון מיין זון רעדט אַרויס דער אמת, וואָס איז נאַאיוו און אומשולדיק ווי א לעמעלע"...

דאַכט זיך, יענע רגע איז געווען דער אָנהייב פון דער וואונדערבאַרער קילקייט צווישן מיר און די עברים אדוקים. ס'איז אויך געווען דער אָנ-הייב פון קוקן אַף זיך אַליין, וואָס האָט אויך גערעדט העברעאיש, ווי אַף א סנאָב, א „בראַמינער", וואָס גייט אַרום צווישן א מחנה פון „פּאַ-ריער", „מצורעים", וואָס רעדן, דענקען און פילן, על פי רוב, דוקא יידיש.

זאָלן די גייסטיקע טאַטעס פון „גדוד-מגיני-השפה" פשט'לען און טענה'ען וויפיל זיי ווילן — איך האָב זיך באַלד אין דער ערשטער וואָך איבערצייגט, אַז צענדליקער טויזנטער מענטשן אין תל-אביב, אויך אין דאָרפישע פונקטן — פון ירושלים, טבריה, צפת איז אָפגערעדט — רעדן יידיש, און... קענען נישט עפּעס אַנדערש!

א סנאָב, א בראַמינער", א שמן-זית-זך'דיקער בין איך אפילו געווען אין די אויגן פון מיין לאַנדסמאַן יאַנקעלע (יאַצעק) דער בעקער, וואָס האָט צוויי יאָר — צווישן קנעטן איין דייזשע ברויט און דער צווייטער — זיך געמוטשעט איבערן דגש חזק, איבער נחי פ"א און... זיך פאַרט נישט גע-קאָנט אויסלערנען קיין העברעאיש און געבליבן שטום ווי א פיש, אין... איינקלאַנג מיט די אוקאַזן פון דער הסתדרות...

אָט-דעם פשוט'ן פאָלקסמענטש, יאַנקעלע בעקער, וואָס האָט יאָרנ-לאַנג, לויט זיינע מעגלעכקייטן, באמת ובתמים געדינט דעם אַמאָלקן „התאחדות" און טאַקע געקומען אַרבעטן אין ארץ-ישראל — אים האָט מען געמאַכט טויב, בלינד און שטום. נישט קיין טעגלעכע צייטונג, נישט קיין טעאַטער-פאָרשטעלונג, נישט קיין לעקציע אַמאָל, — נישט קיין מעג-לעכקייט אפילו זיך אָנצורופן מיט א וואָרט ביי א מיטינג פון זיין פּראָפעסי-אָנעלן פאַראיין.

ווי א געטרייער חסיד און געהאָרכזאַמער סאָלדאַט פון זיינע פירער, האָט מיין יאַנקעלע געשוויגן, געשטומט, געבאַקן בולקעס און געשמייכלט. ביז...

ביז אין דער סדר-נאַכט, נאָך די ארבע כוסות, האָט ער זיך פּלוצלינג צערעוועט און צו מיר א הויב געטאָן א האַנט:

— דו, מלמד, בעלפער! — האָט ער מיך אָנגעהויבן באַוואַרפן מיט עפּיטעטן — ווער דערשטיקט מיט די נחי פ"א. איר האָט מיך געמאַכט פאַר נאָך א גרעסערן כאַמולע ווי איך בין געווען אין דער היים. שטאָפּ זיך אויס מיט דיין ובכן, תן, פחדך און מיט דעם חד גדיא. כ'וועל אַרויס אין דרויסן און אָנהייבן זינגען יידיש: „אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן

פריילעך"... פארוואס פארשטאפט מען מיר דעם פיסק?..

פארוואס מען פארשטאפט יאנקעלע'ן — און טויזנטער אזוינע הארע־פאשניקעס — ס'מויל, זאלן אים ענטפערן זיינע פירער און לערער... — —

אז יידיש איז דוקא אן ענין און אויך די יידישע קולטור, האב איך גראד געהערט אין „עמק", אין דער קאמונאלער קבוצה פון תל־יוסף. בעת איין לערער, צוזאמען מיט א גרופע קנאים, האבן אין מיין געגנווארט גענומען פרעסן „יידיש מיט ברויט" שטאט וועטשערע, האבן אייניקע חברים זיך דוקא אנגענומען די קריוודע פון דער „שפחה" און דעם מורה־מורנו געווארפן א בינטל שטרוי אין פנים...

איין חבר'טע האט אפילו אנגעהויבן דעקלאמירן פאפירניקאוו'ס א ליד אף יידיש...

אבער ווי באציט מען זיך צו דעם דאזיקן יידישן דיכטער? אין איין טאג האט פאפירניקאוו ביי מיר אין צימער געלייענט א סעריע לידער. אזוי ארץ־ישראל'דיק סיי אין טאן, אין אימאזש, אין געפיל, סיי אין מעטאפאר, זענען די לידער געווען, אז ס'האט ממש פארכאפט דער אטעם.

צוויי פון די דאזיקע לידער זענען באלד איבערזעצט געווארן אף העברעאיש און זיי זענען ארויסגעקומען „אגיל ואשמח", כפתור ופרח.

אבער נאכדעם ווי די דאזיקע לידער זענען אפגעלעגן צוויי חדשים אין דער רעדאקציע פון „דבר" זענען זיי „געקומען צוריק" נישט־געדרוקטע פארוואס?

אפן ראנד פון מאנוסקריפט האט זיך געפונען א באמערקונג, וואס דער רעדאקטאר האט, אומפארזיכטיקערהייט, פארגעסן אויסצומעקן און וואס האט זיך געלייענט אזוי: „בערל, השירים האלה מתורגמים מיידיש!!! א. ש. (בערל, די לידער זענען איבערזעצט פון יידיש!!! א. ש.) א. ש. (אברהם שלונסקי), דער דעמאלטיקער ליטערארישער ממונה אין „דבר", האט דאס אזוי געווארנט בערל'ען (קאצענעלסאן) דעם שעף־רעדאקטאר...

יא: מען שפילט יידישע דראמאטורגען (נישט אנגעגעבן אף די פלאקאטן און אין די אנאנסען, אז די פיעסן זענען איבערזעצט פון יידיש). אבער, אנו זאלן דיזעלבע יידישע שריפטשטעלער זיך באזעצן אין ארץ־ישראל און פרואוון שאפן און ווירקן דארטן אף יידיש? אדרבה!..

זיי וועלן דארפן מיטנעמען אן אמעריקאנער „באדי־גארד" (באוואפנטע האידוקעס), אדער... אב. קאהאנ'ען!

גראד ווען אב. קאהאן איז געקומען אף זיין ערשטן פארשונגס-באזוך קיין ארץ־ישראל, האט מען אויפגעהערט ווארפן שטיינער און ארונטעררייסן יידישע לעקציעס; ס'האט זיך אף א ווייל איינגעשטעלט דער „גדוד"־סמבטיון.

ווי וואויל אב. קאהאנ'ס באציאונג צו יידיש איז באקאנט, האט מען אבער מורא געהאט, אז כוליגאניזם קאן אים אמאל אויפרעגן און... ס'וועט שאדן די „ביזנעס" אין אמעריקע...

דערמיט דערקלערט זיך, וואס דער ווארשעווער שריפטשטעלער אלטער

קאַציזנע, וואָס האָט זיך געפונען דעמאָלט אין ארץ־ישראל אין קאַהאַנ'ס שטאַב, האָט געקאָנט רואיק האַלטן זיין לעקציע אַף יידיש, אין באַראַק פון די לינקע פועלי־ציון. איבער צוויי טויזנט יונגע מענטשן זענען אים געקומען הערן!

ס'זענען געקומען עטלעכע יידישע שרייבער אויך. צווישן זיי אנכי און דוד האָפּשטיין, וואָס איז דאַן געווען אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע שריפטשטעלער האָבן זיך אָבער, ווי „אנוסים״, אריינגעגנב'עט דורך דער הינטערטיר. זיי האָבן געהאַט קליינע מוניציפּאַלע שטעלעס און... מיט לחם־הקלוקל שפּילט מען זיך נישט...

ס'האָט נאָך געגאָלטן דער אַלטער זאָג: „אָדער דו נעמסט אָן די תורה, אָדער איך טו אַף דיר אָן דעם באַרג״!..

און דאָס אַלץ, כדי די יידן פון בבל און פון בערדיטשעוו זאָלן, „טעאָרעטיש״ האָבן „איין״ שפּראַך און זיך פאַרשטענדיקן.

ניין, יידיש איז נישט בלויז דער ענין פון די לינקע פועלי־ציון. איך האָב מיט דער דאָזיקער פּאַרטיי פּאָליטיש קיין שום שייכות נישט. די פועלי־ציון האָבן אָבער געוואָגט צו פאַרטיידיקן יידיש אין ארץ־ישראל. אין זייער באַראַק קאָנען יידישע אַרבעטער הערן אָן ארץ־ישראל'דיקע לעקציע אַף יידיש.

וויפיל יידן ס'רעדן יידיש און פילן אַזוי? זאָל מען נאָר פאַרדינגען אַ זאַל צו שפּילן יידיש טעאַטער, כאָטש איינמאָל אַ וואָך פאַר די טויבע יאַנקעלעך, וועט מען זען וויפיל מאָל מען וועט דאַרפן איבער'חזר'ען די פּיעסע!

אָבער... בלויז אויף שטום צו מאַכן די יאַנקעלעך זענען די עקסטרעמע העברעאיסטן קאָנקערס. זיי ווילן נישט קיין נאַלעווקעס, קיין „זשאַרגאָן״, קיין גלות. זייער פּיין!

אָבער דערווייל האָבן זיי בלויז אַרויסגעשטויסן די יידישע מאַסאָווע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין פייער, מיט בלוט און מסירת־נפש. און זיי, די „עברים״, האָבן נישט דערזען, אַז אין תל־אביב, אין מעקלער־קאַפעהויז־שור ווערט געבוירן אַ מיאוס'ער זשאַרגאָן: „כ'האָב אַ מגרש'ל, אַ וואוילס, בזול, בחיי״... אַף די רושטעוואַניעס, צווישן אַרבעטער קאָן מען הערן אַזאַ מין קוואַטש: „יה־חביבי, אנו עפּעס היום דאָסיק״...

איז יידיש טויט אין ארץ־ישראל? אויב יאָ, צו וואָס דאָס נישט דערלאָזן אַ יידישע צייטונג, אַ שול, אַ לעקציע, אויב ס'זענען דאָ מענטשן, וואָס זוכן עס און ווילן עס? אדרבה, לאָז מען זען, צו דאַרף מען טאַקע מאַמע־לשון באַגראָבן און זאָגן רבנן־קדיש נאָך איר...

די, וואָס האָבן אַ געזונטן חוש פאַר רעאַליטעטן (קרעמער, אָריענטאַלישע מאַרק־הענדלער האָבן עס זייער אָפט), דערשמעקן דעם אמת. אַ סימן: די אַראַבישע גרינס־און־פּרוכט־הענדלער פלעגן מיך יעדן אינדערפרי אויפוועקן מיט... אַ יידישן נגון אַף יידיש:

— יאַהלאַה, פרישע מאַראַנצן, גוטע מאַראַנצן! פרישע טאָמאַטעס,

זיבנאונדרייסיק

פרישע אייער! קויפט, קויפט!

איך בין נישט קיין שונא־ציון. ארץ־ישראל גייט מיר אָן ביזן ביין. און העברעאיש איז אויך מיינס. איך וועל נישט אָפּגעבן קיין איין פרשה פון תנ"ך, קיין איין דף גמרא, דער פילאָסאָפישער ליטעראַטור, ביז איבער ביאַליק'ן, ביז אפילו אורי צבי גרינבערג'ס „אימה גדולה וירח" און שלונ־סקי'ס „דוי".

אָבער דעם אמת וועגן יידיש אין ארץ־ישראל האָב איך געמוזט דער־ציילן און כ'וויל נישט, מיט שווייגן, דערלאָזן צו אַ „ריפּנשטויס" אונדזער לעבעדיקע שפּראַך און קולטור.

אפרים אויערבאַך

ארץ־ישראל טאָר נישט אָפּגעריסן ווערן פון יידישן לעבן אומעטום

חשוב'ע פאַרזאַמלטע:

מיר איז היינט צוגעטיילט געוואָרן די ראָל פון אַן עקספּערט אינעם משפּט איבער די פאַרפאָלגער פון יידיש און אירע רעכט אין ארץ־ישראל און אין די עטלעכע מינוט, וואָס איך האָב פאַר זיך, וועל איך פּרוּוון אָנצייכענען אַ בילד פונעם חורבן וואָס די רדיפות אף יידיש ברענגען אין אונדזער גאַנצער קולטור־אַרבעט איבער דער גאָרער וועלט.

פריער פאַר אַלץ איז נייטיק אָפּצוּוואַרפן דעם געדאַנק, אַז דער אַגרעסיוו־קעמפערישער העברעאיזם אין ארץ־ישראל, וואָס וואָרצלט אויס דאָס יידישע לשון מיט די ברוטאַלסטע מיטלען, — ווי איר האָט שוין גע־הערט און וועט נאָך הערן פון די עדות, — איז אַן אָפּגעטיילטע דערשיינונג פונעם יידישן לעבן און איז אונדז נישט נוגע. מיר פירן די אויסגעהאַלטענע ליניע, אַז ס'איז דאָ א י י ן יידיש פאָלק אין אַלע לענדער, איין יידישע קולטור און איין גייסטיקער צונויפבונד צווישן די פאַרשידענע קיבוצים אין אַלע לענדער און אַלע וועלט־טיילן. צוליב אָט־דער ליניע איז אונדז אויסגעקומען צו פירן אַ שטרייט מיט די יידישע קאָמוניסטן, און נאָך ביזן היינטיקן טאָג האָבן מיר נאָך נישט שלום געמאַכט מיט זיי דערפאַר וואָס זיי שליסן אויס די ליטעראַטור און קולטור־דערגרייכונגען אונדזערע אין אַנדערע לענדער, און אויך דערפאַר, וואָס זיי האָבן צום אָנהייב געהאַט אַ נייגונג אָפּצולייקענען אונדזער געשיכטלעכן הינטערגרונט. איז אויב מיר אָנערקענען, אַז דער שנאה'דיקער העברעאיזם איז אַן אָפּגעריסענע דער־שיינונג, און אַז דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל איז כמעט אַ פאָלק פאַר זיך אַליין, דאַרפן מיר לאָגישערווייז אויך אָנערקענען, אַז דער יידישער קיבוץ אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ באַזונדער פאָלק פאַר זיך, — דאָרטן דאָס העברעאישע פאָלק און דאָ דאָס קאָמוניסטישע, — און דורך דעם אַליין

צעריסן מיר זיך אַף באַזונדערע טיילן, רייסן מיר איבער די קייט פון גאַנצקייט, וואָס האָט זיך געצויגן דורך די טויזנטער יאָרן פון אונדזער געשיכטע.

ניין, ארץ־ישראל איז פונקט אַזאַ יידישער קיבוץ, ווי דער אַמעריקאַנער, אַרגענטינער, פוילישער, רומענישער. אַ קיבוץ, וואָס מיר זענען פאַרבונדן מיט אים מיט טויזנטער פעדים פון דער פאַרגאַנגענהייט און דער קעגנוואַרט און, וואָס מיר ווילן זיך נאָך נענטער פאַרבינדן מיט אים אין דער צוקונפט. נאָכמער, ארץ־ישראל ווערט אַ לאַנד נישט פון פּיאָנערן, וואָס נעמען אַף זיך דעם פּריוויליקן יאָך פון העברעאיזם, נאָר אַ לאַנד וואָס גיט אַ היים צענדליקער טויזנטער יידישע פאָלקסמענטשן, וואָס זענען געצוואונגען צו זוכן אַ נייע היים פאַר זיך. איז דאָך די לאָגיק זייער פשוט: אויב מיר קענען קומען צו די יידישע פאָלקסמאַסן, — און מיר קומען צו זיי, — מיטן רוף צו העלפן די יידישע וואַנדערער פּיזיש צו באַפרייען זיך פון רדיפות און שאַפן פאַר זיי אַ רואיקע היים, איז אונדזער חוב אויך צו העלפן זיי באַפרייען זיך פון זייער גייסטיקער פאַרשקלאַפונג.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער אַף אַ פאַרזאַמלונג פון שרייבער געזאָגט: מיר טאָרן זיך נישט מישן אין ארץ־ישראל, ווייל דאָרטן איז דער העברעאיזם אַ סיסטעם. וואונדערט מיך אַף יענעם שרייבער, וואָס איז דורך אַגב ביי אונדז אַן אויסגעהאַלטענער יידישיסט, פאַרוואָס ער האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן צו בייגן פאַר סיס־טעמען. זינט ווען האָבן מיר אָנגעהויבן דרך־ארץ צו האָבן פאַר סיסטעמען? אויב סיסטעם איז אַ מאָס, וואָס מיר דאַרפן זיך פאַר איר בייגן, איז דאָך דער קאַפּיטאַליזם אַוודאי אַ סיסטעם און נאָך אָט־דער לאָגיק טאָרן מיר נישט קעמפן קעגן אים. און איז דען דער היטלעריזם נישט קיין סיסטעם? מיר נעמען אָן סיסטעמען בלויז ווען זיי זענען גוטע, שלעכטע סיסטעמען באַקעמפן מיר, און מיר ווילן זיי באַקעמפן. און דער העברעאיזם אין ארץ־ישראל, דער אויסוואַרצלענדיקער און דער שנאה׳דיקער צו יידיש, איז אַ שלעכטע סיסטעם, אַ שעדלעכע סיסטעם, און מיר דאַרפן קעגן איר קעמפן מיט אַלע אונדזערע כוחות.

דער טעות פון אָט־די מענטשן ליגט אין דעם, וואָס זיי מיינען, אַז דער ארץ־ישראל׳דיקער העברעאיזם ווירקט בלויז אין די ענגע ווינקעלעך פון יענעם לאַנד. אַזאַ צוגאַנג איז אַ קורצזיכטיקער, אַ פּאָליטיש־אומריי־פער. ערשטנס, מוזן מיר אָנערקענען דעם פאַקט, אַז ארץ־ישראל לעבט גאַנץ שטאַרק אינעם באַוואוסטזיין פון די יידישע פאָלקסמאַסן, אַז נאָך שטאַרקער איז געוואָרן די פאַרבינדונג מיט יענעם לאַנד, זינט סע איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט, זינט דאָס לאַנד איז אַרויס פון חיבת־ציון־וויקעלעך און איז געוואָרן רעאַליטעט. די צוויי פאַקטאָרן, — דער היסטאָרישער און דער אימיגראַנטישער, — מאַכן ארץ־ישראל פאַר אַ ווירקנדיקן כח אין אונדזער לעבן, אַ כח וואָס מיר קענען אים נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט.

נ ײ נ א ו נ ד ר ײ ס י ק

צווייטנס קומט ארץ־ישראל צו אונדז און פֿאָדערט פון אונדז מיר זאָלן עס אויפבויען. יעדער איינער פון אייך איז געקומען אַנצייליקע מאָל פנים־אל־פנים מיט שלוחים פון ארץ־ישראל, — שלוחים פון דער אַרבעטערשאַפט, פונעם קליינבירגערטום, אַפילו פון דער דאָרטיקער בורזשואַזיע, וואָס פאָדערן פון אייך איר זאָלט העלפן אינעם אויפבוי פון לאַנד. די פרעסע איז טאָג־טעגלעך פול מיט ארץ־ישראל, די פּלאַטפאָרמעס זענען פאַרנומען מיט רעדנער וועגן ארץ־ישראל. אַף אַזאַ לעבעדיקן, אַגרעסיוון כח קענט איר נישט זאָגן, אַז ער ווירקט נישט אין אונדזער לעבן, — סיידן איר ווילט פאַרמאַכן די אויגן אַף דער ווירקלעכקייט.

נו, וואָסער אַ ווירקונג האָט די פּראָפּאַגאַנדע פאַר ארץ־ישראל אינעם ליכט פון די רדיפות אַף יידיש דאָרטן? נאָר איין ווירקונג: אויב אַף יידיש אין ארץ־ישראל ליגט אַ חרם, ווערט דער דאָזיקער חרם, אין פאַרשידענע פאָרמען, אויסגעשפּרייט איבער די אַנדערע יידישע ישובים. דער פּשוט'ער יידישער פאָלקסמענטש קען נישט באַגרייפן אָט־די דרינגענישן און פינגער־דרייענישן, וואָס באַווייזן אַז אין ארץ־ישראל דאַרף טאַקע יידיש זיין טריף, אָבער אין אַנדערע לענדער מעג יידיש לעבן. דער יידישער פאָלקסמענטש, וואָס נעמט אַ נאָענטן אָנטייל אין העלפן אויפבויען ארץ־ישראל, מוז דורך דעם אַליין זיך אָפּרייסן פון יידיש ביי זיך אין לאַנד. סע זענען נישטאָ קיין צוויי מאָסן צו אַ שפּראַך: אויב דו נעמסט אָן אַז אין ארץ־ישראל איז יידיש אַ מיאוס'ע שפּראַך, אַ פאַראַכטלעכע שפּראַך, — ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן אומצייליקע מאָל אַפילו אין דער אַרבעטער־צייטונג „דבר“, — קענסטו נישט צו דער אייגענער צייט רופן צו אַרבעט פאַר יידיש און קולטור אַף יידיש, פאַר דרך־ארץ צו אונדזער שפּראַך אין אַנדערע לענדער. די פאַראַכטונג צו יידיש אין ארץ־ישראל האָט אַ טיפן אָפּקלאַנג אין אַנדערע לענדער און גראָבט אונטער די מסירת־נפש'דיקע אַרבעט אונדזערע אומעטום וואו מיר ווילן אויפהאַלטן יידיש און די יידישע קולטור.

נאָך איין מאָמענט איז דאָ אין דעם: איר האָט געהערט פון ארץ־ישראל־דעלעגאַטן, און גראָד זענען זיי געקומען פון דער דאָרטיקער אַרבעטערשאַפט, אַז יידיש גייט סיי־ווי אונטער אומעטום און דערפאַר איז אַרויסגעוואָרפן די אַרבעט צו האַלטן יידישע שולן, אַרויסצוגעבן יידישע ביכער און בכלל צו אַרבעטן פאַר דער פאַרוואָרצלונג פון דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור.

טראַכט זיך אַריין וואָס דאָס מיינט: דאָס יידישע לעבן איבער דער גאַנצער וועלט גייט סיי־ווי אונטער, מיר דאַרפן זיך אונטערגעבן דער אַסימילאַציע און אָפּראַטעווען בלויז דאָס ביסל יידן, וואָס לעבט איצטער, און וועט נאָך אַריינקומען לעבן, אין ארץ־ישראל. אָט־דער געדאַנק איז נישט קיין צופעליקער, נאָר ער דרינגט אַרויס פון דער גאַנצער העברעאיסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין ארץ־ישראל. הייסט עס, אַז ווען מיר נעמען אָן דעם קעמפערישן העברעאיזם אין ארץ־ישראל, נעמען מיר אויך אָן זיין אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע בנוגע די

יידישע מאַסן איבער דער גאַרער וועלט. אויב מיר דערלאָזן אַז יידיש זאָל אַזוי פּאַראַכט און פאַרשפאַרט ווערן אין ארץ־ישראל, אַז די רעכט פון דער שפּראַך וואָס מיליאָנען יידן איבער דער וועלט, — און צענדליקער טויזנטער אין ארץ־ישראל אַליין, — לעבן זיך אין איר אויס, זאָל זיין געטראָטן מיט די פיס, דערלאָזן מיר אונדזער אייגענעם אונטערגאַנג וואו מיר זענען. סע איז נישטאָ קיין צוויי מאָסן, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, ארץ־ישראל איז פאַרבונדן מיט אונדז, און מיר זענען פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל. אויב מיר קעמפן פאַר רעכט פון יידיש אין ארץ־ישראל, קעמפן מיר קעגן דער אַסימילאַציע אין אונדזער אייגענעם לעבן, קעמפן מיר פאַר דעם אייגענעם קולטור־אויפהאַלט אומעטום וואו מיר זענען.

א. וואַהלינער

דער גלות-שקלאַף הערשט אין ארץ-ישראל

(אַ ניט־געהאַלטענע רעדע)

עס איז געווען „מינדערווערטיקייט קאָמפּלעקס", וואָס האָט דעם אינטעליגענט און יחסן אין גלות געטריבן ווייט פון זיין פאָלק און זיין פאָלקס-שפּראַך. און ווען ער האָט פאַרלאָרן די האָפענונג אָפּן גלות און איז געוואָרן אַ בויער פון ציון, „האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט פון גלות, האָט מיט רציחה „פאַרברענט דאָס צו וואָס ער האָט זיך נעכטן געבוקט", ער האָט אָבער אין „יידישן לאַנד" מיטגעבראַכט דעם „גלות-שקלאַף" מיט זיין פאַראַכטונג צו דער פאָלקס-שפּראַך.

צו דער פאָלקס-שפּראַך און — צום יידישן פאָלק.

ער האָט עס גערופן „פאַראַכטונג צום גלות". אין אמת'ן איז עס געווען די אַלטע פאַראַכטונג צו זיך אַליין, די אַלטע שטרעבונג צו אַנט־לויפן פון זיך אַליין, פון אייגענעם פאָלק.

וואָס אַנדערש קען דען מיינען דער רוף: עברית או רוסית? „רוסית" איז דאָך געווען דער אַלטער גלות.

אונטערן מאַנטל פון אָפּטרייסלען זיך פון גלות האָט מען באַוואוסט־זיניק, אָדער אומבאַוואוסט, — זיך געוואָלט אָפּטרייסלען פון דעם פאָלק, פון דעם נעמלעכן פאָלק, וואָס מען האָט געזאָלט דערלייזן.

ווארים, וואָס אַנדערש קען מיינען דער אידעאַל פון „שארית הפליטה", פון ראַטעווען אין ארץ־ישראל אַ קליינע צאָל יידן?

עס האָט, אמת, געהייסן, אַז ארץ־ישראל דאַרף זיין דער גייסטיקער צענטער און דער לייכט־טורעם פאַר אַלע יידן איבער דער גאַרער וועלט. אין אמת'ן האָבן אפילו פירער פון פּאָליטישן ציוניזם געהאָפּט צו ראַטעווען אַ קליין הייפעלע יידן און לאָזן אויסשטאַרבן די אַנדערע.

די גזרה — די שטילע, די ניט־ארויסגעזאָגטע — איז געווען: איך וועל אומברענגען דאָס דאָזיקע גלות־פאָלק און מאַכן די אויסדערוויילטע געציילטע ציונים פאַר גאָט'ס פאָלק.

און דערפאַר, כאָטש מען האָט מיט טרומפּייטן און פּויקן פּראָקלאַמירט די יידישע גאולה, האָט עס זיך אויסגעלאָזט אין אמת'ן: ארץ־ישראל עקזיסטירט ניט פאַרן פאָלק ישראל, נאָר דאָס פאָלק ישראל — דאָס צעשפּרייטע און צעזייטע איבער אַלע גלות'ן — עקזיסטירט נאָר פאַר ארץ־ישראל.

„דער גלות איז פאַר'משפּט צום אונטערגאַנג", האָט פאַקטיש געמיינט: די יידן אין גלות מוזן אונטערגיין. פופצן מיליאָן יידן דאַרפן העלפן אויפבויען א ארץ־ישראל פאַר א האַלבן מיליאָן אָדער א מיליאָן יידן אין יידישן היימלאַנד און נאָכדעם זיך איבערפּעקלען אפן עולם האמת.

און א פאַר'משפּט'ן צום טויט איז ניט נויטיק צו ראַטעווען. פאַרקערט, עס איז אפשר א מצוה וואָס גיכער צו ענדיקן זיין פיינלעך לעבן; אויפהאַלטן דאַרף מען אים נאָר אַזוי לאַנג ביז ער וועט זיך צוגרייטן א ליכטיקן גן־עדן מיט צדקה פאַר ארץ־ישראל, אָדער אַזוי לאַנג ביז מען וועט ביי אים אויסנאַרן א פעטע צוואה פאַר ארץ־ישראל.

פאַראַן אַזאַ זאַך ווי א „מצוה־טויט", ווי א מאָרד אויס רחמנות צום האָפענונגסלאָז קראַנקן.

און דעם דאָזיקן מאָרד אויס רחמנות באַגייט דער ציוניסטישער העברעאיזם, באַגייט די העברעאיסטישע ארץ־ישראל — מיט זייער פאַראַכטונג צו יידיש, מיט זייער קאַמף קעגן יידיש, ניט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט.

אין דעם שרעקלעכן קאַמף מיט דער טויט־סכנה בויען מיר אין גלות יידישע—יידישיסטישע—פּאָזיציעס, קיין אַנדערע קענען מיר ניט בויען. און אין אונדזער פאַרצווייפלטן קאַמף שטעכט אונדז דער העברעאיזם אריין א צדקה־מעסער אין רוקן, שפּריצט אונדז אריין א דאָזע מצוה־גיפט.

צוויי פעלקער: א גרויס יידיש פאָלק אין גלות; א קליין יידיש פאָלק אין ארץ־ישראל. און דעם גרויסן גולם האָט מען איינגערעדט, אַז מען ראַטעווט אים דורך דער מיתה בנשיקה און דער גולם לאָזט זיך אָפּט איינרעדן. און אַף דעם גולם קוקט מיט דער טיפסטער פאַראַכטונג דער העברעאיסטישער ציוני, ער פאַראַכט זיין לשון, פאַראַכט זיין ליטעראַטור, פאַראַכט זיין קולטור. און דער גולם באַקומט א טיפע פאַראַכטונג צו זיך אַליין.

און מיט דער דאָזיקער פאַראַכטונג צו זיך אַליין קומט דער גלות־ייד קיין ארץ־ישראל, קומט געיאָגט פון הונגער און טויט און העלפט בויען דאָס יידישע היימלאַנד — א שטומער, א קולטורלאָזער.

ער פּראָטעסטירט ניט קעגן זיין שטומקייט. ער נעמט אָן כמעט באהבה דעם משפּט, אַז ער מוז בלייבן אָפּגעריסן פון לעבעדיקן וואָרט, פון אַביסל קולטור, ווייל מען האָט אים איינגערעדט: ער מוז דאָך במילא

שטאַרבן, פּונקט ווי זיינע אַנדערע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן זיך ניט געקענט ראַטעווען פון גלות, איז וואָס מאַכט עס אויס, צי ער שטאַרבט מיט אַ קרעכץ „מאַמע!", אָדער ער שטאַרבט ווי אַ שטומע בהמה?

אַזוי שטאַרבן מסתמא די באַשעפענישן, וואָס בויען אויס מיט זייערע קליינינקע קערפּערלעך די קאָראַלן-אינדזלען. און דער שטומער עליה'ניק אין ארץ־ישראל האָט ניט די טרייסט, אַז ער וועט שאַפן אינדזלען פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

און שטום און ווילד איז אין ארץ־ישראל ניט נאָר דער, וואָס מען מאַכט שטום און ווילד קעגן זיין ווילן, נאָר אויך אָפט יענער, וואָס פּריידיקט שטומקייט, ווילדקייט און קולטורלאָזיקייט און צווינגט זי אַרויף אַף אַנדערע מיט ציין און פויסטן.

איך געדענק שוין ניט, צי האָב איך עס ערגיץ געליינט, צי האָט מען עס מיר דערציילט, אַז ביאַליק פלעגט מיט עקל צוזעען ווי די יוגנט טאַנצט אָן אויפהער, שעה'ן־כסדר, די ווילדע האָרא. אָבער שולדיק אין דעם איז געווען ער אַליין, ער און זיינע העברעאיסטן, אָדער, ווי זשיטלאָווסקי רופט זיי, העברעאישיסטן. ווייל, ווי האָט, דאַכט זיך, פּרץ הירשביין באַמערקט אַלע יידן אין ארץ־ישראל רעדן דעם פרעמדן, אַרויפגעצוואונגענעם, ניט־פאַרדייטן העברעאיש, ווי קינדער, און לייענען זיי אים אויך ווי קינדער, אויב זיי קענען שוין בכלל לייענען. און אַז מען קען ניט אויסדריקן געפילן מיטן מויל, דריקט מען זיי אויס מיט די פיס, און אַז מען איז ניט קולטורעל — טאַנצט מען ווילד.

די פיס פאַרבייטן דאָס מויל. און די הענט פאַרבייטן אויך דאָס מויל. און דערפאַר אפשר שלאָגט מען אַזוי אָפט און אַזוי גרויזאַם אין ארץ־ישראל — דער עיקר, די יידישיסטן . . . אפשר לאָזט מען צו די יידישיסטן אויס דעם צאָרן, וואָס מען קען ניט און מען האָט קיין שכל ניט אויסצולאָזן צו זיך אַליין.

יידיש אין ארץ־ישראל מער טרייף ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן

דר' מאַקס ווינרייך, וואָס איז געווען אין ארץ־ישראל לעצטן זומער, האָט פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" אַ סעריע אַרטיקלען, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַריכות אַף דער באַציאונג צו יידיש.

מיר נעמען אַרויס עטלעכע אויסצוגן פון די אַרטיקלען, ווייל זיי שאַפן אַ גאַנץ בילד וואָס אַ מענטש האָט געזען מיט ניכטערע אויגן. דר' ווינרייך איז צוגעגאַנגען צום פּראָבלעם זייער אָביעקטיוו, ער האָט קיינעם נישט געוואָלט משפט'ן, אָבער אין לעצטן סך־הכל זענען זיינע אַרטיקלען אַ שאַרפע אָנקלאַגע אַפן העברעאיסטישן ישוב אין ארץ־ישראל.

דר׳ ווײַנרײַך שרײַבט:

״. . . אָבער עס איז גאָרניט ריכטיק, אַז די באַציִאונג צו ייִדיש אין עפנטלעכן לעבן איז דיזעלבע „ווי צו אַלע פרעמדע שפּראַכן״. עס איז אַן ערגערע באַציִאונג.

„אױף די שילדן אין תּל־אָבֿיבֿ, אױף די פּלאַקאַטן אין די גאַסן זעט איר זייער אָפט אַ דײַטשן טעקסט צוזאַמען מיטן העברעאישן. זעלטענער זעט איר אויך ענגלישע טעקסטן. אָבער פּרוּווט נאָר אַרויסהענגען אַ שילד אָדער אַ פּלאַקאַט אױף ייִדיש!

„פּאַראַן נאָר איין אָרט אין גאַנצן לאַנד וואו דאָס איז מעגלעך: דאָס איז אין דעם דיסטריקט „מאה שערים״ אין ירושלים. דאָרטן געוועלטיקן די אָרטאָדאָקסן, דאָרטן האָבן די ציוניסטישע העברעאיסטן קיין שליטה ניט. און דאָרטן וואָרפט זיך טאַקע דורך וואו ניט וואו אַ ייִדישער שילד.

„איך האָב עטלעכע מאָל געפּרוּווט אין תּל־אָבֿיבֿ זיך אָפּשטעלן אױף אַ ראָג גאַס און אײַנהערן זיך אױף וואָס פּאָר אַ שפּראַך מענטשן רעדן. איך האָב אַפילו געפּרוּווט ציילן די פאַרשידענע שפּראַכן, לויט די קאַטעגאָריעס: ייִדיש אָדער אַן אַנדער שפּראַך. מיין אײַנדרוק איז געווען, אַז ווען מען זאָל אַראָפּנעמען די יוגנט ביז אַ יאָר 17, האָבן צום ווייניקסטן 80 פּראָצענט גערעדט ייִדיש.

„אין ירושלים און אין טבריה, אין די אַלטע ייִדישע קוואַרטאַלן, טרעפט איר, אַ חוץ דערוואַקסענע, אויך מאַסן קינדער אין אַלע עלטערס, וואָס רעדן ייִדיש.

„אָבער עס קומט אויס, ווי דאָס וואָלט געווען נאָר אַ פּריוואַט־זאַך, פון מענטש צו מענטש. צום עפנטלעכן לעבן, וואו אַ מענטש האָט צו טאָן מיטן קאָלעקטיוו, דערלאָזט מען דאָס ניט. פאַרן עפנטלעכן לעבן האָט מען אויפגעבויט אַ פיקציע, אַז אַלע ייִדן רעדן העברעאיש. און אַזוי ווי די מער ציוויליזירטע טרעגער פון אַנדערע שפּראַכן לאָזן זיך ניט אײַנגאַנצן צעקוועטשן, גיסט זיך אויס די גאַנצע תּוכחה אױף ייִדיש.

„אין דער קינאָ „מוגראַבי״, וואָס איז דער גרעסטער קינאָ אין תּל־אָבֿיבֿ, איז פאַרגאַנגענעם יאָר געווען אַ גרויסער סקאַנדאַל בשעת מען האָט דאָרטן געוואָלט ווײַזן אַן אַמעריקאַנער ייִדישע פילם. געוויסע מענטשן אין עולם האָבן געמאַכט אַן אָבסטרוקציע, מען האָט די ווײַסע לײַוונט פאַרוואָרפן מיט פלעשער טינט, פּאָליציי האָט זיך אַרײַנגעמישט און מען האָט דעם פילם געמוזט אַראָפּנעמען.

„ווען איר רעדט וועגן דעם מיט פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, ענטפערן זיי אײַך: וואָס זענען מיר שולדיק? כוליגאַנעס האָבן דאָס געטאָן, די זעלבע כוליגאַנעס וואָס וואַרפן פון צײַט צו צײַט שטיינער אין די פענצטער פונעם יאַשאַ־חפץ־זאַל, בשעת די פּועלי־ציון האַלטן דאָרט אָפּ אַ ייִדישע פאַרזאַמלונג.

איר מעגט טאַקע זײַן זיכער, אַז קיינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן האָט ניט געוואָרפן קיין פלעשל טינט און ניט קיין שטיין. אָבער

אַלץ איז דאָך געווענדעט אין דער שטימונג וואָס עס שאַפט זיך, בפירוש טאַקע מיט דער מיטווירקונג פון די פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, ווי זיי אַליין זאָגן אייך גאַנץ אָפן.

„וואָרים גיט נאָר אַ קוק: קיין העברעאישע פילמען זענען דאָך ניטאָ. גאַנץ ארץ־ישראל איז דאָך פאַרפלייצט מיט פרעמדשפּראַכיקע פילמען. אַמאָל ענגלישע, אַמאָל רוסישע אָדער פראַנצויזישע, ווען־ניט־ווען אַ פּוי־לישער, אָבער דאָס רוב דייטשע. צי איז ווען עס איז געווען אַ פאַל, אַז וועלכער עס איז כוליגאַן זאָל קעגן דעם אַרויסטרעטן?

„ניין, ניט געווען.

„אין דער צייט וואָס איך בין געווען אין ארץ־ישראל, האָט מען אין דעם „מוגראַבי"־קינאָ געוויזן אַ פּוילישן פילם; האָט מען דעם פּוילישן נאָמען אָנגעשריבן מיט פּוסיקע אותיות אויף פּויליש טאַקע, איבער דער גאַנ־צער ברייט פונעם בנין. אָבער מען האָט ניט געהערט, אַז אימיצער זאָל קעגן דעם פּראָטעסטירן.

„אַביסל שפּעטער האָט מען דאָרטן געוויזן דעם פילם „מאָסקווער נעכט". איז דער נאָמען פונעם פילם געווען אָנגעשריבן מיט קידוש־לבנה־אותיות אויף העברעאיש „לילות מוסקבה". דאָס איז פאַרשטענדלעך. ס'איז דאָך אַ העברעאיש לאַנד. אונטער דעם איז געשטאַנען „מאָסקאָוו־סקיאַ נאָטשי" — קען מען אויך פאַרשטייען, ס'איז אַ פילם פון רוסישן לעבן. אָבער דערנאָך איז שוין געשטאַנען „מאָסקאַויער נעכטע" אויף דייטש, „ניאַי דע מאָסקו" אויף פראַנצויזיש, „נאַיטס אָוו מאָסקוועׂ" אויף ענגליש. אָבער יידיש פאַר די 80 פּראָצענט יידיש־רעדנער פון תל־אביב — דאָס זאָל גאָט אויסהיטן.

„אין פּראַקטישן לעבן איז יידיש פאַראַן, און נאָך ווי! נעמט, למשל, אַזאַ פאַקט. הייזער בויט מען אין ארץ־ישראל גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער ווי אין דער אַלטער היים; אין די ליטווישע און פּוילישע שטעטלעך האָט מען ניט געוואוסט פון קיין אייזן און בעטאָן. וואָלט זיך דאָך געקענט דוכטן, אַז דאָ האָט דער נייער עולם אודאי געדאַרפט איבערנעמען די נייע העברעאישע נעמען פאַר די נייע זאַכן. אָבער ניין: די פּאַקטישע אומגאַנג־שפּראַך פון די אַרבעטער ביי בנין (ביניאַן) איז יידיש בלויז מיט אַביסל העברעאישע ווערטער. איינער אַן אַרבעטער האָט מיר געבראַכט צוטראָגן פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אַ פולע יידישע טערמינאָלאָגיע פון דעם „טאַבאַרעס"־פאַך, מיט פיל צענדליקער אינטערעסאַנטע נייע יידישע ווערטער, וואָס האָבן זיך ערשט די לעצטע יאָרן אין ארץ־ישראל געשאַפן.

„אָדער אַן אַנדער קלייניקייט: איינער אַ רוס, וואָס אַרבעט צווישן יידן אין אַ תל־אביב'ער פאַבריק, האָט געזאָגט צו זיינע יידישע חברים — איך מוז זיך אויסלערנען יידיש, כדי צו קענען פאַרשטיין ווען דער מייס־טער (פאָרמאַן) זידלט זיך.

אָבער דאָס איז אַלץ פּריוואַט. אין עפנטלעכן לעבן איז יידיש ניטאָ. זי האָט אַ סך ווינציקער אָנזען אין עפנטלעכן לעבן, איידער אַ שטייגער

אין ווילנע. אין ווילנע קענט איר זיך ניט אויס׳טענה׳ן אף יידיש אין א רעגירונגס־אפיס. אבער איר קענט יא רעדן יידיש אין דער יידישער קהלה, אין א פראפעסיאנעלן פאריין, אין א יידישער קראם, אין א יידישן רעס־טאראן. אין תל־אביב איז אפילו דאס נישט מעגלעך. מען האט געשאפן ארום יידיש אזא שטימונג, אז צוויי מענטשן, לאמיר זאגן, זיצן ביי א טישל און רעדן יידיש; הינטערן טאמבאנק שטייט דער באלעבאס מיט דעם דער־לאנגער, און זיי רעדן אויך יידיש; אבער ווען דער דערלאנגער קומט צו צום טישל און פרעגט וואס זיי ווילן, פרעגט ער דאס אף העברעאיש, און זיי ענטפערן אים אף העברעאיש.

„אז יידיש איז היימלעך, אז יידיש רעדט מען צווישן זיך — דאס איז א פאקט, וואס מען קען ניט אפשאפן, מען קען אים נאר פאר׳מיאוס׳ן. אבער דערלאזן, אז פון דער היימלעכקייט זאל ווערן אן עלעמענט פון עפנטלעכן לעבן — דאס ניט.

„וואס־זשע טוען יידן?

„אזוי ווי יידן קומען פון לענדער, וואו די יידישע שפראך האט אויך קיין גרויסע עפנטלעכע רעכט ניט געהאט, לאזן זיי זיך. דער גרעסטער טייל עולם האט דאך אנדערע דאגות, שווייגט מען. אבער געוויסע פאנאנ־דערשיידונגען זענען פאראן.

„גאר א קליינע שיכט שטרעבט דערוויל באוואוסטזיניק דערצו, אז די רעכט פון יידן אף דער יידישער שפראך זאלן אנערקענט ווערן. דאס איז א געוויסע צאל אומפארטייאישע מענטשן אויך, אבער פון ארגאניזירטע גרופעס בלויז די פארטיי לינקע פועלי־ציון.

„ווייטער גייט אבער א היבשער קרייז געטרייע הסתדרות־מענטשן וואס וואלטן זייער שטארק געוואלט, אז די באציאונג צו יידיש זאל זיך בייטן. איך האב אליין געשמועסט מיט צענדליקער אזעלכע מענטשן, וואס האבן מיר געוואלט איבערצייגן, אז עס וועט בעסער ווערן. נאר אליין זאלן זיי ארויסגיין מיט א פארשלאג, אליין זאלן זיי זען צו פארבעסערן — דאס ניט. עס שטעקט אין דעם אי מורא מען זאל זיי ניט פארשרייען פאר פאר־רעטער, אי א געפיל פון דיסציפלין. די פירער וויסן וואס זיי טוען. איי־דער די פירערשאפט הייסט, דארף אלץ בלייבן ווי געווען.

„איך דערמאן זיך א לאנגן שמועס מיט גאר אן אנגעזעענעם מענטשן אין דער ארבעטער ארגאניזאציע. ווען מיר זענען שוין געווען פארטיק מיט אלצדינג, האב איך אים געפרעגט:

„זאגט נאר, איז עס אמת, אז מען לאזט ניט פארקויפן די „ניי־וועלט" ביי די צייטונגס־פארקויפער אין די גאסן?"

„די „נייע־וועלט", דארפט איר וויסן, איז א צוויי־וואכנבלאט אין יידיש, וואס די לינקע פועלי־ציון גיבן ארויס אין תל־אביב. מען מאכט זיי דערביי גרויסע שוועריקייטן: דרוקערייען האבן זיך אפגעזאגט צו זעצן די צייטונג, ביי די צייטונגס־פארקויפער זעט מען זי ניט, און ווען פועלי־ציוניסטישע יונגעלייט זענען ארויס אין גאס אליין פארקויפן זייער בלאט,

האָט מען עטלעכע פון זיי צושלאָגן, אַרעסטירט און אַפילו געשטעלט פאַרן געריכט.

„אַלזאָ, האָב איך געפרעגט ביי מיין נייעם באַקאַנטן:

„זאָגט נאָר, איז עס אמת, אַז מען לאָזט ניט פאַרקויפן די נייע־וועלט" ביי די צייטונגס־פאַרקויפער אין די גאַסן?"

איז זיין פּנים געוואָרן שטרענג אָנגעצויגן און ער האָט געענטפערט:

„ — איך ווייס ניט. איך אינטערעסיר זיך ניט דערמיט. נאָר דאָס דאַרפט איר וויסן זיין, אַז מיר קוקן אויף די „נייע־וועלט" ניט ווי אויף אַ יידישער צייטונג, נאָר ווי אויף אַ קעמפערישער יידישיסטישער צייטונג. און דאָס איז אַ גרויסער אונטערשייד.

„ — איך פאַרשטיי דעם אונטערשייד, האָב איך געענטפערט. נאָר צי איז דער אונטערשייד גרויס גענוג כדי דאָ יאָ צו לאָזן אַרויסגיין אַ יידישע צייטונג, ניט קיין יידישיסטישע?

„זיין פּנים האָט זיך נאָך מער פאַרפינצטערט:

„—איך ווייס ניט. דאָס איז ניט געווענדט אין מיר. איך מיין, אַז ווען מיר וועלן זיין גענוג שטאַרק, וועלן מיר דאָס קענען ערלויבן. דאָס וועט זיין, ווען מיר וועלן האָבן דעם ערשטן מיליאָן העברעאיש־רעדנער אין ארץ־ישראל.

„העברעאיש־רעדנער מיינט, פאַרשטייט זיך, הונדערט פּראָצענט העברעאיש. ווען מען זאָל אַפילו אָננעמען, אַז די צאָל הונדערט פּראָצענטיקע העברעער אין ארץ־ישראל איז ביים היינטיקן טאָג ניט צען טויזנט, נאָר פופציק טויזנט, איז נאָך אַלץ אַ היבשער מהלך ביז דעם מאָמענט ווען יידיש קען זיך ריכטן אויף אַ בעסערער באַהאַנדלונג מצד די פירער פון ישוב. סיידן, פאַרשטייט זיך, די מאַסע זאָל נעמען פאָדערן איר'ס.

„אַ צווייטער מענטש, וואָס שטייט אויבן־אָן אין דער הסתדרות, האָט געשטעלט אַ מער באַשיידענעם ציל:

„—ווען נאָר מיר וועלן האָבן אַ מאַיאָריטעט העברעאיש־רעדנער אין ארץ־ישראל.

„אָבער אויך דאָס איז נאָך זייער אַ ווייטע זאַך. און אויב די אימיגראַציע זאָל גיין ווייטער מיטן אימפּעט פון די לעצטע יאָרן וואָס וועגן דעם טרוימט דאָך די הסתדרות, וועלן אַלץ קלענער די שאַנסן, אַז די מאַיאָריטעט יידן אין ארץ־ישראל זאָלן ווען עס איז אין אונדזער צייט רעדן העברעאיש.

„דאָס איז איינע פון די גרויסע סתירות (ווידערשפּרוכן) וואָס זענען פאַראַן אין דער ארץ־ישראל־פראַגע — דאָס איז די סתירה צווישן ציוניזם און העברעאיזם. די גרויסע גליקלעכע יאָרן פאַרן אויפשטייג פון העברעאיש אין ארץ־ישראל זענען געווען די יאָרן פון דער מלחמה און די ערשטע פּאָר יאָר נאָך איר, בשעת ארץ־ישראל איז געווען איזאָלירט און קיין נייע מענטשן מיט אַנדערע שפּראַכן זענען ניט געקומען. איצטער וואָלט געלעגן אין די אינטערעסן פון דער העברעאישער שפּראַך, אַז עס זאָל ווייטער

ווערן שטיל אין די פּאָרטן, כאָטש אַף אַ צען יאָר צייט, כדי די כוואַליעדיקע מאַסע זאָל זיך אַביסל „איינשטיין‟, זאָל קענען אַביסל טיפער איינזאַפּן אין זיך די העברעאישע שפּראַך. דאָס קען אָבער דער ציוניסט ניט דערלאָזן, ווייל פאַר אים שטייט אַלץ אין קאָן, אויב די עליה זאָל זיך אָפּשטעלן‟.

רעזאָלוציע אָנגענומען אַפן פאָלקס-משפּט

אויסהערנדיק די פאַקטן, דאָקומענטן און רעדעס פון די באַטייליקטע אין פאָלקס-משפּט, הויבן אויף די פאַרזאַמלטע זייער פּראָטעסט קעגן דער אונטערדריקונג פון יידיש, דער שפּראַך פון מיליאָנען יידישע פאָלקס מאַסן אין דער גאָרער וועלט, וועלכע ווערט נישט צוגעלאָזן אין עפנטלעכן לעבן אין ארץ-ישראל, ווערט באָיקאָטירט אין שול, אין טעאַטער און אַף עפנטלאַכע פאַרזאַמלונגען, אַפילו אַף די קאָנפערענצן און אין די שולן פון דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, דער הסתדרות.

די פאַרזאַמלטע דריקן אויס זייער טיפסטע אויפגעבראַכטקייט צוליב דעם אומדערהערטן פאַקט פון איינפירן העבעראיש-עקזאַמענס פאַר אַרבעטער איינוואַנדערער ביים קריגן סערטיפיקאַטן אויף אַריינצוקומען אין ארץ-ישראל. דער דאָזיקער שענדלעכער באַשלוס טרעפט אין האַרצן די יידישע אַרבעטער און פאָלקס-מאַסן, פאַר וועמען ארץ-ישראל איז היינט דער וויכטיקסטער צענטער פון איינוואַנדערן און איינאָרדענען זיך ביי אַ פּראָדוקטיוון אַרבעטס לעבן.

די העברעאיש-גזירה איז אין שאַרפסטן ווידערשפּרוך מיט די עלעמענטאַרסטע פּרינציפּן פון פרייער איינוואַנדערונג, פאַר וועלכע די יידישע מאַסן האָבן געקעמפט אין דער גאָרער וועלט און וועלן אויך קעמפן בנוגע ארץ-ישראל.

די פאַרזאַמלטע שטעלן פעסט מיט טיפן באַדויערן, אַז די פירער פון דער הסתדרות, וועלכע ווענדן זיך כסדר אין פאַרשידענע לענדער פון יידישער צעזייטקייט צו די יידישע אַרבעטער און פאָלקס מענטשן וועגן הילף און מיטאַרבעט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ-ישראל, איז נישט נאָר טרעטן זיי נישט אַרויס אומצווייידייטיק קעגן אַזאַ שענדלעכער און באַליידיקנדיקער פּאָליטיק לגבי יידיש אין ארץ-ישראל, נאָר זיי אַליין מיט זייער פירונג און כללים אין הסתדרות דערמוטיקן און פעסטיקן דעם סיסטעם פון באַגרעניצונגען און פאַרפאָלגונגען אַף יידיש. געגנוג צו דערמאָנען דעם פאַקט פון נישט דערלויבן אונטער דראונג פון קאָנסעקווענצן צו באַנוצן יידיש אין עפנטלעכן לעבן פון הסתדרות נאָך דעם, ווי מען איז אין לאַנד צוויי יאָר, גענוג צו דערמאָנען דאָס פאַרעפנטלעכן אין אָרגאַן פון הסתדרות „דבר‟